STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10928

DER EMIGRANT

Abraham Gusakoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם גוסאקאוו

דער עמיגראַנט

פּאָעמא

אַ שטיקל געשיכטע פון אוקראַינע אין דער צייט פון פעטליורא

1919—1921

1927

אַרויסגעגעבן דורך מ. ראָזען

ביכער־פאַרלאַג, 99 סאפאלק סטריט, ניו־יאָרק

אין דער בוכדרוקעריי „אוניאן" (ברידער אפעל) ווין, IX. ליכטענשטיינשטראסע 21

Made in Austria

געווידמעט מיין אַלטן פֿריינד יחיאל פֿאַליק

*

דו פרעגסט מיך א גרוס פון דיין אלטינקער מאמען,
א גרוס פון דיין פריריקער היים ?
— ווער ס'האט ניט געברענט אין די העלישע פלאמען,
ווער ס'האט ניט געזען דארט די בלוטיקע ימים,
ווער ס'האט ניט געפלאטערט מיט אלע צוזאמען —
פאר דעם איז א ווארט, שטום ווי ליים !...

אט זעסטו דאס ביכל — א טראפן א קליינער
אין ברייטן, אין ברויזענדן ים!
פארשלונגען דארט הויפנס מיט אידישע ביינער,
געשטורמט מיט פייער, גערעגנט מיט שטיינער —
געשוינט ניט געבליבן ניט איינע, ניט איינער —
נאר אלע געטרונקען פון בעכער מיט סם...

אברהם גוסאקאוו

פֿאָרוואָרט

אין די גליקליכע טעג פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען אַ וואַרימער שטראָם פֿון ברידערליכער אייניקייט און פֿריינדשאַפֿט האָט אַ בלאָז געטאָן אין די נשמות פֿון די ביז דאַן אונטערדריקטע און אונטעריאָכטע פֿעלקער, ווען אויף די ערשטע פּאַפּירענע געלד־צייכנס פֿון דער אוקראַינער דערזשאַווע האָבן אידישע אותיות פֿאַרנומען אַ גלייכן פּלאַץ מיט די אויפֿשריפֿטן אויף אַנדערע לשונות, האָט די ראַדאַ ערלויבט די אידן ערוויילן קהלות, וועלכע זאָלן קאָנטראָלירן דאָס אינערליכע לעבן, פֿאַרוואַלטן מיט פֿינאַנציעלע, קולטורעלע און רעליגיעזע אינטערעסן פֿון די אידישע בירגער.

אין דער רייע „ימים־טובים‟, וואָס דאָס רוסישע אידנטום האָט איבערגעלעבט פֿון דעם מאָמענט אָן, וואָס דער בלוטיקער צאַר איז אַרונטער פֿון דעם טראָן און מיט אים צוזאַמען זענען געפֿאַלן אַלע פּלויטן, וועלכע האָבן אַרומגעצוימט די אידן פֿון אַלע זייטן, האָבן די וואַהלן פֿון דער ערשטער קהלה פֿאַרנומען דעם שענסטען אָרט.

אידן האָבן אין דער קהלה געזען אַן אָנפֿאַנג פֿון אַ נייע ערא, און האָבן דעם טאָג פֿון די וואַהלן געמאַכט פֿאַר אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב.

צו דער ערשטער עפֿנטליכער זיצונג פֿון דער קהלה זענען געקומען יונג און אַלט אין יום־טוב׳דיקע קליידער און געשעפּט נחת

הערנדיס ווי אידן, זייערע אייגענע מענשן, זייערע ברידער באַלע־באַטעווען אין שטעטל און זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פֿאַרבעסערן און פֿאַרשענערן דאָס לעבן פֿון די אידישע איינוואוינער.

דאָס זעלבע איז געווען אין דער שטאָט וואו איך האָב געוואוינט.

כדי די איבערלעבונגען פֿון דער העכסט אינטערעסאַנטער צייט זאָלן פֿאַרבלייבן אין זכרון פֿון אַלע איינוואוינער אויף דור דורות, האָט די געמיינדע געפֿאָדערט די קהלה זאָל איינפֿיהרן אַ פנקס, וואו, אָנפֿאַנגענדיק פֿון דעם טאָג, זאָלן פֿאַרצייכנט ווערן אַלע וויכטיקע געשעהענישן פֿון דעם אידישן לעבן אין דער שטאָדט.

אָבער באַלד נאָך דעם יום-טוב האָבן זיך אנגעפֿאַנגען די פֿינסטערע טעג פֿון פעטליורע, טעג פֿון רויב און מאָרד, טעג פֿון בלוט און שאַנד, טעג פֿון יאוש און קלאָג... דער נייער פנקס איז געשטאַנען אָפֿן און די ציטערדיקע האנט האָט געשריבן, פֿאַרצייכנט איין בלוטיקן בלאַט נאָך דעם צווייטן, איין שוידערליכע טאַט נאָך דער אנדערער... געשריבן און געצווייפֿלט צי וועט אין שטעטל בלייבן, ווער עס זאָל לייענען דאָס אנגעשריבענע... געשריבן היינט, ניט זייענדיק זיכער צי וועט מאָרגן די זעלבע האַנט זיין בכח די טרויעריקע שורות פֿאָרטצוזעצן. געשריבן און געציטערט, אַז דאָס אָנגעשריבענע זאָל ניט אריין אין בייזע הענט און אויסגעטייטשט ווערן אַלס אַ באַוויז פֿון "פֿאַרראַט"...

אלס דער ראש הקהלה פֿון מיין שטעטל, האב איך געהאַט די טרויעריקע געלעגנהייט אליין צו זעהן און צו הערן, צו זיין אין קאנטאַקט מיט אַלע "הערשער" פֿון פאדאליע, אויספֿירן אַלע זייערע ווילדע פֿאָדערונגען, מילדערן זייער האַס און צאָרן און טון וואָס נאָר מעגליך צו פֿאַרהיטן מיין אייגן שטעטל פֿון אַ בלוטיקן פּאָגראָם.

פֿאַרוואָס כ'האָב מיין טרויעריקע געשיכטע געשריבן אין פֿערזען?

פֿרעגט דעם שוואַן, פֿאַרוואָס ער זינגט נאָר אין דער מינוט, ווען ער זעהט דעם טויט פֿאַר די אויגן!

פֿרעגט, פֿאַרוואָס פֿילע פֿעלקער זינגען און טאַנצן איידער זיי געהן ארויס אויפֿן שלאַכטפֿעלד, פֿון וואַנען זיי רעכנען זיך ניט אומ־צוקערן צוריק! פֿאַרוואָס די טרויעריקסטע אידישע תפלות זענען געמאַכט אין פֿערזען! — ניט דער פארנאס האָט מיך געצווינגן,

ס'האָט זיך געוואָלט אַזוי פֿאַרצייכנען די שוידערליכע, אויסער־געוועהנליכע געשעהענישן, אַז יעדעס זאָל זיך איינקריצן אין דעם מח פֿון דעם, וואָס וועט דאָס אַמאָל ליינען, אַז יעדעס בילד זאָל ברענען, פֿלאַמען, שרייען, טרייסלען און וועקן אין יעדנס נשמה אַ באַגער עפּעס צו טון, אַז אַזעלכע מאָוסקייטן זאָלן זיך שוין מער ניט קאָנען ווידערהאָלן!...

כ'האָב געוואָלט, אַז יעדע שורה, וועלכע וועט פֿאַרבלייבן אין זכרון פֿון מיינע לעזער־אידן, זאָל זיי דערמאַנען אין די שענדליכע טויטן פֿון די אוקראַינער קרבנות און זיי זאָגן, אַז אויב די ציוויליזירטע מענשהייט דאָרשט נאָך אַלץ נאָך אידיש בלוט — זאָלן זיי דאָס ניט באַקומען אַזוי לייכט, ווי אין די אידישע שטעטלעך פֿון אוקראַינע, נאָר באַצאָלן מיט זייער אייגענעם בלוט פֿאַר זייער ווילדער תאוה!... אַז צו אַ אידישער טאָכטערס לייב זאָל זיך אַ פֿיינטליכע האַנט קאָנען צורירן נאָר דאַן, ווען אירע נאַטירליכע באַשיצער וועלן שוין זיין טויט, אויסנוצענדיק פֿריהער אַלע מיטלען זי מיט געוואַלד פֿון געוואַלד צו באַשיצן...

כ'האָב געוואָלט, אַז יעדער וואָרט זאָל שטעכן, ווי שאַרפֿע נאָדלען, זאָל שפּריצן מיט גיפֿט און מיט פֿייער, אַז די טאַטעס, וועלכע האָבן געקויפֿט זייער לעבן מיט דעם פּרייז פֿון זייערע געשענדטע טעכטער און פֿרויען — זאָלן זיך שעמען; די שכנים, וועלכע האָבן זיך פֿאַרשטעקט אין די לעכער און ניט געקומען צו הילף, ווען פֿון דעם צווייטן הויז האָבן זיך געטראָגן האַרץ־רייסענדע קולות און געשרייען — זאָלן פֿיהלן, אַז זיי האָבן געקויפֿט זייער לעבן פֿאַר אַ צו גרויסן פּרייז!...

צי האָב איך דאָס ערגרייכט?

Feci quod potui; faciant meliora potentes.

איך האָב געטאָן, וואָס איך האָב געקאָנט; זאָלן טון בעסערס די בעסערע.

אברהם גוסאקאוו

דער עמיגראַנט

1

ניט פֿון עלטער, ניט פֿון יאָרן
זענען זיינע האָר — ווי שניי,
זיינע באַקן — איינגעשרומפּן,
אָן אַ טראָפּן בלוט די ליפּן
און די הענט — ווי שטעקנס צוויי.

ניט פֿון טעג זיך קרומט זיין רוקן,
אָן אַ לעבנס־פֿונק די בליקן
און דער שטערן — קנייטשן פֿול,
קאַלט און טויט די בלויע אויגן,
ביז צו דר'ערד דער קאָפּ געבויגן
און זיין שטימע — שוואַך און שטיל.

ניט פֿון שלאַפֿקייט איז ער מאָגער
און דער קערפּער — הויט און ביין,
שווער דער אָטעם, ווי פֿון פֿיבער,
טיף און שוואַרץ די אויגן־גריבער
און דאָס מויל — שוין ריין פֿון ציין.

ערשט צוריק מיט ווייניק יאָרן,
ווען אין הימל, ריינעם, קלאָרן
איז קיין וואָלקנס ניט געווען
און גערונען האָט דאָס לעבן
רייך מיט האָפֿנונגען און שטרעבן
און פֿון בלוט געוועזן ריין;

ווען אין לעבנס־ים אין ברייטן,
ניט געהינדערט פֿון אַ צווייטן,
יעדער נאָך זיין קראַפֿט און צוועק,
האָט זיין לעבנס־שיף געטריבן
און אַ סטעזשקע זיך געקליבן
צום געווינשטן לאַנד און ברעג —

איז דער פּריצייטיקער „זקן"
ווי אַ דאָמב געוועזן שטאַרק;
בלוט און מילך — זיינע באַקן,

פֿעסט און קרעפֿטיק — האַלדז און נאַקן
און זיין קערפּער — ווי אַ באַרג!

גלאָקן־קלאַנגען — זיינע טענער,
שטאָלן־שטאַנגען — זיינע ביינער,
גלייך זיין רוקן, ווי אַ וואַנט;
אונטער זיינע פֿעסטע קנאָכן
האָבן ברעטער זיך געבראָכן,
שווער ווי אייזן איז זיין האַנט.

שוואַרץ געווען די האָר, ווי פֿליגל
פֿון אַן אַלטן שוואַרצן קראָ;
אונטער שוואַרצע ברעמען־בויגן
פֿונקלען ליכטיקע צוויי אויגן,
הימל־טיף און הימל־בלאָ.

טעטיק לעבן האָט גערונען
ווי דאָס וואַסער פֿון אַ ברונען
אַרום אים פֿון טאָג ביז נאַכט,
ווי אַ כוואַליע זיך געטראָגן,
מיט די שטורעמס זיך געשלאָגן,
אין באַוועגונג אַלץ געבראַכט.

פֿול מיט הומאָר, פֿול מיט לעבן,
פֿייער־גלוט און אייביק שטרעבן
איז דער "זקן" דאַן געווען.
זיינע שאַרפֿע קלוגע וויצן
פֿלעגן ווי די פֿונקען בליצן —
מלא חכמה, מלא חן.

און זיין ליכטיק זוּבער הייזל
איז פֿון געסט געווען ענג,
דעם — אַן עצה, דעם — אַ נייעס,
דעם — אַ הילף צו שלום בית,
איינעם אַ נדבה שענק.

ווי די בינען צו די קווייטן,
פֿלעג עס יעדן, ווי מיט קייטן
ציהען צו זיין שטילער שוועל,
כאָטש אַ ברעקל צו געניסן
פֿון דעם גליק, וואָס פֿלעג זיך גיסן
דאָרטן ווי דער הימל העל.

□ □
□

2

ווי די פּרינצן זיבן קינדער,
יעדעם — פריש און שיין באַזונדער,
האָבן אָנגעפּילט זיין הויז
מיט דעם ריח פון פּאַרפומען,
ווי די פרישע שיינע בלומען,
ווי אין מאַי די שיינע רויז.

יעדעם — וואָרגלאָז, פריי און לוסטיק
זיך אַנטוויקלט און געלעבט;
וואו זייער פוס האָט נאָר געטרעטן,
פלעג זיי קלאַנג און פרייד באַלייטן,
יונגעם גליק נאָך זיי געשוועבט.

ברידערליכע ליבע, שטילע,
ווי אַ צויבערליכע הילע,
האָט געהעפט זיי און געציערט.
העל געשטראַלט אין זייער נשמה
ווי עס שטראַלט אַ יונגע בלומע,
ווען זי ליכט און וואַרעם שפירט.

ווי אַ קעניגין זיין ווייבל,
מילד און צערטליך ווי אַ טייבל,

האָט געהערשט בײַ אים אין הויז:
פֿאַר איר מאַן — אַ ליבע געטין,
פֿון די קינדער — אַ פּראָפּעטין,
פֿרײַנדליך, גוט צו קלײן און גרויס.

אירע פֿיר געליבטע העלדן,
אירע פֿיר געליבטע זיהן,
האָט זי קײזערליך ערצויגן,
אויף אַ שאָל מיט גאָלד געוואויגן
און מיט פֿרײדן אין די אויגן
נאָכגעפֿאָלגט זײער פֿאַרברײך בליהן.

און די בת־מלכה׳ס די שײנע,
אירע טעכטערלעך דרײַ קלײנע,
ווי אַ פּראַכטיקער בוקעט,
האָבן אין דער שטיל געפֿונקלט,
מיט זײער שײַן די זון פֿאַרטונקלט,
מיט זײער בליק די זעל געגלעט.

גליק און רײַכטום, פֿרײד און ליבע
האָבן דאָרט געהאַט זײער נעסט
און ניט אײן געפּלאָגטער ברודער,
הונגעריקער, שוואַכער, מידער
האָט געפֿונען דאָרט זײַן טרײסט.

3

פֿראַכטפֿול בליט דער באַרג וועזובי,
ווען ער שלאָפֿט אין לאַנגן טרוים;
ווי אַ טעפּיך — זיינע פֿעלדער,
ווי אַ סאַמעט — זיינע וועלדער,
פֿול מיט פֿרוכטן יעדער בוים.

גרויסע שטעט און דערפֿלעך קליינע,
ווי אַ קראַנץ גרילאַנדן שיינע,
בליהען שטיל ביי זיינע פֿיס,
ווי אין ערדישן גן עדן
לעבן מענשן דאָרט אין פֿריידן,
רייך און פֿריילעך, שטיל און זיס.

צו זיין ברייט געעפֿנטן קראַטער
קומט זיך אַ טוריסט אַ זאַטער,
שפּייט אין זיין געעפֿנט מויל,
אויף דער אָפּגעקילטער לאַווע
שטייט זיין אויסגעצירטע פֿאַווע
וואַרעמט אויף דער זון זיך פֿויל.

פּלוצים טוט דער באַרג אַ ציטער —
און אַ שוואַרצער דיכער רויך

שטראָמט אַרויס פֿון אַלע זייטן...
דונער טראָגן זיך פֿון ווייטן
שטיינער פֿליהען אין דער הויך.

חושך־פֿינסטער ווערט דער הימל...
שטעט און וועלדער ווי אין טומל —
ס׳ציטערט ווי אַ בלאַט די ערד.
און אַ שטראָם פֿון העליש פֿייער
צינדט אָן הייזער, ברויט און שייער
און דאָס גאַנצע לאַנד צושטערט...

אָט אַזוי האָט די מלחמה,
ווי אַ ריזיקער וואָלקאַן,
גאַנצע לענדער, שטעט צובראָכן,
גאַנצע פֿעלקער אויסגעשטראָכן
מיט דער קראַפֿט פֿון אַן אָרקאַן...

□ □
□

4

אַלע אַלטע געצן־געטער
האָבן לאַנג זייער קראַפֿט פֿאַרלוירן —
קיינער קניט שוין ניט פֿאַר זיי;
די אַלטאַרן — לאַנג צובראָכן
די גלחים — זיך צוקראָכן
און דער געץ ליגט אין מוזיי.

זיירע בריליאַנטן־אויגן
האָט די פֿרוי אַרויסגעצויגן
און געצירט מיט זיי איר לייב,
די געשניצטע עלפֿאַנטנביינער,
די אין־גאָלד־געפֿאַסטע שטיינער
טראָגט אויף זיך אַצינד דאָס ווייב.

אויף אַ מורס געגאָלדטע פֿליגל
ליגט שוין לאַנג אַ רויטער זיגל,
פֿייל און בויגן — קאָנפֿיסקירט.
אָן דער רעכטער האַנד — ווענערא
אין אַ האָספּיטאַל — צערערא
און אַטהענא — איז געווירט...

אין די שענקען ליגט אַפּאָלאָ,
מיט מעפיסטאָ פון איין בעכער
טרינקט ער דאָרטן פראָסטן וויין;
פון אַטהענאַס גאָלדן מאַנטל
האָט מען גאָלדשטיקע געגאָסן
און פאַרהוילעט זיי גאַנץ פיין.

איין אַלטאַר איז פעסט געבליבן —
מולך קעניגט נאָך ביז יעצט:
ווי אַמאָל, קלינגט ביז צום הימל
אין זיין טעמפּל רעש און טומל
און זיין נאָמען איז געשעצט.

מעכטיק שטאַרק איז זיין מלוכה,
ווי פון אייזן איז זיין האַנד,
צו געווינען זיינם אַ שמייכל
טראָגן אַלע אין זיין היכל
אַל דאָס בעסטע פון דעם לאַנד...

ווען ער וואַכט אויף פון זיין דרימל—
ווערט אין יעדען לאַנד אַ טומל,
יעדער ציטערט פאַר זיין בליק!...
פון זיין אָטעם ווערט אַ שריפה,

פֿון זיין וואָרט — אַ וועלט מגפֿה —
פֿון מדינות פֿאַלן שטיק...

ניט קיין טויבן, ניט קיין רינדער —
יונגע לעבעדיקע קינדער
פֿאַר קרבנות פֿאָדערט ער!...
און די דינער, ווי די רוחות,
פֿירן באַלד אויס דאָס שליחות —
הייליק איז זיי זיין באַגער...

אָן אַן אויפֿהער, אָן רחמנות,
וואַרפֿט מען טויזענדער קרבנות
אין זיין היים צוגליטען בויך.
און וואָס שטאַרקער דאָס געפּילדער —
ווערט דער שדים־טאַנץ אַלץ ווילדער,
שוואַרצער, שטיקענדער דער רויך...

טויזנד יאָר שוין, אַז עס קלינגען
דונער־קולות, פֿייער־צונגען,
שטורעם־רעדעם געגען דעם.
נייע שטרעבונגען אין לעבן,
אידעאַלן נייע שוועבן —
נאָר דער מענש בלייבט טויט ווי ליים.

אויף די נייע שענע פּאָנען
האָט ער אויסגעקריצט אַ שווערד...
אַלע הייליקע געזעצן
איז ער מקריב צו דעם געצן –
ער בלייבט הערשן אויף דער ערד...

ניט די פלאַמען פון הר־סיני,
ניט דאָס רופן פון דעם קרייץ,
האָבן ניט געמאַכט אים מילדער:
אייביק בלייבט דער דורשט דער ווילדער,
אייביק לעבט צו מאָרד דער גייץ...

□ □
□

5

מולך האָט באַגערט קרבנות...
און דאָס „הייליקע" געבאָט
האָט זיך אויף דער וועלט צוטראָגן,
און די טרייע דינער יאָגן
טון דעם ווילן פֿון זייער גאָט.

העלער פֿלאַקערט זיין מִזְבֵּחַ...
ס'כוואַליעט זיך פֿון בלוט דער רֵיחַ...
ס'הלאַפּט די פּויק צום ריטואַל...
די „כהנים" זינגען לידער,
בענשן, וועקן זיירע ברידער
מיט דעם הייליקן כאָראַל...

וואָס דער מענש האָט לאַנגע יאָרן
מיט זיין גרויסן גייסט געבאָרן —
ווערט פֿאַרקערט אין אַש און שטויב.
וואָס דער זשעני האָט געשאַפֿן,
אויף וואָס דורות פֿלעגן גאַפֿן
איז געוואָרן מולך'ס רויב...

אַלע אָפּגרינטען — געשפּאַלטן
און וואָס ס'איז געווען באַהאַלטן

אין די פינסטערנישן דאָרט,
איז מיט רעש אַרויסגעשוואומען,
שטאָלץ דאָס שענסטע פלאַץ פאַרנומען
און געבווירן רויב און מאָרד...

פון די הייליקסטע געזעצן,
פון די זיטן, פון מאָראַל,
פון דער ערע, פון דער בושה,
פון דער שענסטער וועלט־ירושה
ווערט אַ מאוסער קאַרנעוואַל...

ניט קיין טוי און ניט קיין רעגן
מאַכן פייכט דאָס פעלד און וועגן —
בלוט און טרערן מאַכט זיי נאַס...
— מאָרד און רויב (צוויי אַלטע ברידער)
זינגען זייערע פרעכע לידער,
ווערן הערשער אויף דער גאַס...

טייכן, אזערים און מעערן
ווערן פול מיט בלוט און טרערן
פון די ברעגעס ביז צום גרונט;
ס'פליען שווערע טיפע קרעכצן,
טויט־געשרייען, ווילדע יעכצן,
ס'קערט די וועלט אַווירבל־ווינד.

און ער טראָגט זיך ביז צום הימל,
וואיעט, רעוועט, וויינט און שרייט,
רייסט אין שטיק די שוואַרצע כמאַרעס
און דורך די געמאַכטע שפּאַרעס
אין דעם הימלס פּנים שפּייט...

שטיל און רוהיק שטייט דער הימל
אין זיין שטאָלצן קאַלטן דרימל,
גלייכגילטיק צו מענשענס לייד;
ער פאַרדעקט פון אַלע עקן
אויף דער ערד די שוואַרצע פלעקן
מיט זיין ריינעם בלויען קלייד...

□ □
□

6

אַך, דאָס ערשטע רויטע בלעטל,
ווי פֿון בלוט דער ערשטער גרוס,
האָט אין טויזנטער נשמות
אויפֿגעוועקט אַ קוואַל פֿון חרָמות,
האַט און עקל און פֿאַרדרוס...

ס'זאָלן צאַרטע מיטער פֿיהרן
זײַרע קינדער צו די טירן
פֿון דעם בלוטיקן מולָד!
אָן אַ מורמור, אָן אַ קלאַגע,
אָן פּראָטעסטן, אָן אַ פֿראַגע
שטעלן זיך אין שווערן יאָך!...

נאָך האָט קיין קאַנאָן געשאָסן,
נאָך קיין שווערט געטון אַ שטאָך —
האָבן שוין די טרייע מיטער
עלענט זיך דערפֿילט און ביטער
און געבלוטיקט פֿון דעם בראָך...

אונזער העלד, רבֿ משה שלייען,
האָט צונויפֿגעדרייט אין דרייען

אָט דאָס שטיקאַלע פּאַפּיר;
פון דער שרעקליכער ידיעה
האָט ער זיך געריסן קריעה
און געחלש׳ט פאַר זיין טיר.

זיינע טייערסטע צוויי בריליאַנטן
זאָלן אין די פרעמדע קאַנטן
געהן פאַרגיסן בלוט און שוויים
פאַר דעם גליק פון זיירע יאָגערס,
פאַר דעם וואויל פון אידן־פלאָגערס,
פאַר די שונאים׳ס מאַכט און גרויס?...

מיט זייר לייב און זעלע שוצן:
דאָס, וואָס ברענגט זיי ניט קיין נוצן —
פרעמדע פעלדער, פרעמדן וואַלד,
וואָס זייר פוס טאָר דאָרט ניט טרעטן,
טאָר ניט שמעקן זיירע קוויטן,
זעהען ווי די ראָסע פאַלט?...

פאַר איעדן טראָפּן טרערן —
זידלערייַ און קללות הערן,
צאָלן פאַר אַ קלאַפּ — מיט בלוט?
זעהען שוידערליכע סצענעס

פֿון די בלוטיקע געענעס,
שענקען ס'לעבן פֿאַר דער רוט? ...

וואָס קאָן זיין נאָך שוידערהאַפֿטער,
וואָס קאָן טון נאָך טיפֿער ווערה,
ווי מיט באַרבאַרן צו שיקן
פֿרעמדע פֿעלקער אונטערדריקן
זיינע טייערסטע קינדער, צוויי? ...

□ □
□

7

ס'בומט די פויק, די טאַצן קלינגען,
די קלאַרינעטן פייפן, זינגען
און דער פידל וויינט און לאַכט.
די טרומייטן הודען, ברומען,
סטרונעס קרעכצן, סטרונעס זשומען
און דער באַס פאַרדומפן קייכט.

טענער טאַנצן, פליהען, קלינגען,
קולות קנוילען זיך און שפרינגען,
פולן אָן מיט רעש די לופט,
אין די ווייטע הויכן שווימען,
פלאַטערן מיט טויזנט שטימען
וועקט און דונערט, לאַכט און רופט.

אויף די מאַרקן, אויף די גאַסן,
ברויזט אַ שטראָם פון מענשן־מאַסן,
פנים'ער — פאַרוויינט, פאַרפלאַמט.
גראָע קעפ און פיצלעך קינדער
לויפן זעהן דאָס גרויסע ווינדער,
ווי פאַרצויבערט, ווי פאַרסם'ט.

דאָס שפאַנט מאַרש מיט זיינע דינער
אין זיין שפיגל־גלאַנץ און פראַכט,

און מיט מוזיק־קלאַנג, מיט לידער,
רופט ער פעטער, מאַנען, ברידער
אין די פעלדער צו דער שלאַכט.

אָפן ווערן טיר־און־טוירן,
און פון דאָרטן, ווי פאַרלוירן,
ווייזן שאָטנס זיך אַרויס:
בלאַס ווי קרייד און נאַס די באַקן,
איינגעהויקערט האַלדז־און־נאַקן —
מתים פון די קבֿרים'ס שׂיים.

און נאָך יעדן שוואַרצן שאָטן
לויפט נאָך יאָמער און געשריי:
טאַטעס — מיט פאַרקרומטע ליפּען,
מאַמעס — מיט פאַרדומפטע בריפּען,
ווייבער — מיט געוויין און בליפּען,
שכנים — מיט אַ שטילן וועה...

און עס מישן זיך צוזאַמען
אין איין מעכטיקן אַקאָרד
מעש און סטרונעס, פויק און לידער,
„זיי געזונט"ס פון פריינט און ברידער,
קלאָג און קיש, קאָמאַנד געדרודער
און דער מוטערס לעצטע וואָרט...

אַך די מיטער! וועמעס שרייען
קאָן זיך גלייכן מיט זייר קרעכץ?
ניט ביים שלאָפֿן, ניט ביים עסן
וועט זי אין איר קינד פֿאַרגעסן,
אים דערמאַנען מיט אַ יעכץ.

טיפֿן צער אין יעדן אֵבר
וועט זי טראָגן ביז צום קבר
און פֿון קלאָגן ווערן בלינד.
ניט פֿאַר איר איז דאָ נחמה,
ווען אין פֿלאַם פֿון דער מלחמה
ווערט פֿאַרציקט איר ליבעס קינד...

□ □
□

8

אין דעם כאַר פֿון פֿעטער, מיטער,
וועלכע האָבן טיף און ביטער
זײַרע קינדערלעך באַקלאָגט,
האָבן זיך צוויי קולות העכער,
איבער מענשען, איבער דעכער —
צו די הימלען זיך געיאָגט.

אײַנגעקלאַמערט איינס אין צווייטן,
ווי געבונדענע מיט קייטן,
אין איין ברילנדיקן קנויל,
מיט זײַן ווייב האָט משה שלייען
זיך געריסן צו די רייען,
מיט זייר קלאָג געוועקט אַ גרויל . . .

און פֿון דאָרט האָט זיך געטראָגן
צו דעם פּאָר אַ „זײַ געזונט!"
אײַנגעוויקלט פֿול מיט ליבע,
אויסגעווייקט מיט צער און בענקשאַפֿט,
אויסגעמישט מיט בלוט און טרערן —
צו דער מוטער פֿון דעם קינד . . .

איבער וועגן, איבער פֿעלדער,
ביז צום ווייטן האָריזאָנט,

האָט געצויגן זיך, געפֿלאָכטן,
ווי אין ים אַן אויפֿגעקאָכטן,
מענשען־כוואַליעס ביז צום ראַנד.

ווייט דאָס גאַנצע פֿעלד פֿאַרטרענקען
קרובים, פֿריינד, מיט טרערן, בענקען,
און מיט ברכות זיי באַגלייט...
און די עלענדע רעקרוטן,
יעדער ווי אַ שוואַרצער שאָטן,
צו די פֿריינד די הענט געשפּרייט,

וואַרפֿן זייערע לעצטע בליקן
אויף זייער ליבע, טייערע היים,
צו די הימלען, צו די פֿעלדער,
צו די בערגלעך, צו די וועלדער —
ס'וויל זיך אַלעס קושן, דריקן,
און די טרערן וואַרגן, שטיקן...

□ □
□

9

ווען דער רוף פֿון קריגס־טראָמייטן
האָט דאָס גיהנם אויפֿגעוועקט,
האָט אַ שטאַרקער פֿריידן־טומל
אויפֿגעוועקט דעם טויט פֿון דרימל;
זיינע הענט, באַדעקט מיט שימל,
מיט אַ שמחה ביז צום הימל,
האָט ער פֿרייליך אויסגעשטרעקט.

מיט דער מאָרגנדיקער ראָסע
וואַשט ער אָפּ זיין אַלטע האָסע,
מאַכט זי שאַרפֿער פֿון אַ בליץ
און, געיאָגט פֿון לאַנגען הונגער,
מיט די ביינערדיקע פֿינגער
לעבנס קאָסעט ער מיט היץ.

אַרום אים, פֿון מעש געגאָסן,
יעדע מיט אַן אָפֿן מויל,
שטעהן דעם שׂטן'ס שפּילמאַשינען,
שפּריצן פֿייער, לאַכן, פֿינען —
יעדער לאַך — אַ קאַלטער גרויל,
יעדער שפּיי — אַ הייסע קויל...

הילכיק רעווען די „מאַשינען".
קוילן, ווי די גרויע בינען,
רייסן זיך אין טויזנט שטיק.
שוואַרצע קנוילן רויך זיך הייבן,
פייערדיקע צונגען שוועבן
ווי אַ לאַנגע פייער־בריק.

ווי צוויי מחנות מכשפות
אין אַ ברענענדיקן קריג
שפייען זיי מיט רויטער פינע,
שפריצן ברענענדיקע סלינע,
שׂרפֿה'ן מיט זייר הייסן בליק.

און דער טויט, מיט אַ געלעכטער,
וואו דער טומל איז געדיכטער,
דרייט זיך אין אַ ווילדן טאַנץ:
שניידט און ברעקלט לעבנס־זאַנגען,
רייסט אויס קערפּערס, ווי מיט צוואַנגען,
פלעכט פון זיי אַ לאָרבער־קראַנץ...

זיינע אויגן־לעכער פונקלען,
פון זיין נאָז־גרוב שטראָמט אַ רויך.
פרייליך קנאַקן זיינע רופן,

שמייכלען זיינע קאַלטע ליפּן,
פון דעם גאָרגל פליהען כריפּן —
פעך און שוועבל איז זיין הויך.

לעגיאָנען יונגע קערפּער,
אָפּגעפאַרבט מיט הייסן פּערפּער
פליהען אין זיין טיפן בויך.
און אַרום פון אַלע זייטן
די נשמהלאך פון וויַטן
יאָמערן פון שוואַרצן רויך . . .

יאָמערן, ווי קליינע קינדער,
ס'פלאַטערט, כ'צאַפּלט זייר געשריי
ביז די ווייטסטע עטהער־ספערן,
ביז די ווייטסטע זונען־שטערן
קויקלט זיך אַ טיפער וועה . . .

און צוויי ברויזענדיקע שטראמען,
ברייטע, טיפע ווי די ימים,
רעשען אין אַ ווילדן לויף,
זידן, קאָכן, רעווען, יאָגן,
מיט די הייסע כוואַלעס שלאָגן,
שפּריצן צו דער זון אַרויף.

איינער — פֿון בריליאַנטן־טרערן,
ריינער, ווייסער פֿון קרישטאָל,
און פֿון העלען בלוט דער צווייטער,
ווי אַן אָקעאַן אַ ברייטער,
שפּרייט זיך איבער פֿעלד און טאָל.

און די ברויזענדיקע שטראָמען
שטויסן זיך מיט כעס צוזאַמען —
רייסן פֿעלזן פֿון זייער אָרט.
און דער טויט מיט הימנען־לידער
וואַשט און פּוצט די מידע גלידער
אין די הייסע כוואַליעס דאָרט...

10

ווען פֿון גרויען שטויב אַ וואָלקן
האָט פֿאַרדעקט די לעצטע רייען
פֿון דעם טרויעריקן צוג,
איז די שטאָט געוואָרן פּוסטע,
שטיל אין טרויער, ווי אַ וויסטע,
ווי אָן זון אַ גרויער טאָג.

ווי פֿאַריתומ׳ט איז געשטאַנען
משה שלייענס לײדיק הויז:
אין אַ טיפֿן צער פֿאַרזונקען,
ניט געגעסן, ניט געטרונקען,
איז געווען דאָרט קליין און גרויס.

פֿול מיט ווייטיק, פֿול מיט בענקען,
גרייט דאָס האָב און גוטס צו שענקען
פֿאַר אַ בליק אויף זײַרע זיהן,
פֿאַר דעם גליק, נאָך צו געניסן
נאָך איין וואָרט, אַ קוש אַ זיסן,
זיי צו זײַרע ברוסטן ציהן.

נאָר אומזיסט האָט זייר נשמה
צו די קינדערליך געשטרעבט:

קיינמאָל וועלן זיירע בליקן
זיירע הערצער ניט דערקוויקן —
יאָ, אומזיסט געהאָפֿט, געגלויבט.

11

אויף די ווייסע ווילדע העֶען,
אין די טיפֿע קאַלטע שנייען,
וואו עס הוליעט פֿריי דער ווינט,
וואו די אָדלערס נעסטען בויען,
וואו די קאַלטע וואָלקן טויען
שלאָפֿט שוין לאַנג זייר עלצטעס קינד.

מיט אַ שווערן בליי אין האַרצן,
אין אַ טייכאַלע פֿון בלוט
ליגט ער דאָרטן... זיינע ביינער
וועט דאָרט ניט באַהאַלטן קיינער,
קיינער מאַכן קיין ווזיט.

זיינע יונגע שיינע אויגן
האָט דער פֿראָסט מיט אייז באַצויגן
און באַדעקט מיט ווייסן שניי.
צו זיין קבר קענען קומען
נאָר די קאַלטע ווינטן ברומען,
דעקן אים מיט קאַלטן שפריי.

נאָר אַן עדלוויים אַ קלאָרע,
ווי פֿון זילבער אַן עטרה,

וועט זיך טוליען צו זיין קאָפּ.
אים אַ קוש אַ קאַלטן שענקען,
און אַ טרוויריקע פֿון בענקען
וואַרפֿן אים אַ זילבער־טראָפּ.

□ □
□

12

צווישן סאַמעט־גרינע לאַנען,
הויכע סאָסנעס, ווערבעס, טאַנען,
פֿרישע פֿעלדער, בוש און וואַלד,
רינט זיך שטיל דער סאַן דער שיינער
אויסגעשפּרייט מיט גלאַטע שטיינער
און מיט געלן זאַמד, ווי גאָלד.

אין אַ טיפֿן ברייטן וויגל
שלינגעלט זיך זיין בלויער שפּיגל,
מיט אַ סודותדיק געזאַנג,
אין זיין נאַסן גלאָז אין קילן
פֿישלאַך ווי די קינדער שפּילן,
בלישטשען מיט די ליסקעס בלאַנק, —

דאָרט אין דעמערונג אין ווייכן,
אין דעם זונענשיין דעם בלייכן,
אויף אַ קאַלטן גלאַטן שטיין
ליגט שוין טויט דער זוהן דער צווייטער...
און דער סאַן דער שטילער, ברייטער
האַלט פֿאַר זיך דעם סוד אַליין.

קאַלטע טונקל־גרינע כוואַליעס
שפּילן דאָרטן טאָג און נאַכט.

וואַשן זייגע קאַלטע ביינער,
וויגן צווישן גלאַטע שטיינער —
האַלטן פֿעסט אים אין זייר טראַכט.

כוואַליעס לויפֿן, כוואַליעס יאָגן,
צו די ווייטע ימים טראָגן
פֿון זיין קערפּער טייל נאָך טייל;
און די זשאַבעס אויף די ברעגעס,
אויסגעשטעלט אין גרינע שרעגעס,
זינגען ק ד י ש נאָך זיין ז ע ל . . .

און צווי טיף באַטריבטע זעלן
ד אָ ר ט ן די מינוטן ציילן —
וואַרטן אויף די טייערע געסט:
ביי זייר אויפֿשטיין, ביי זייר לייגן
קוקן זיי אויף אַלע וועגן . . .
און דער יאוש דריקט און פּרעסט . . .

וואָכן לויפֿן, וואָכן פֿליען
און די האָפֿנונג זינקט און זינקט . . .
פֿ י נ ס ט ע ר ווערט אין דער נשמה,
שוואַך דאָס גלויבן אין נחמה —
און דער טרויער וויינט און קלינגט . . .

יאָ, ניט איינע — מיליאָנען
טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, פריינט,
שווער פאַריתומ'ט, טיף געטראָפן,
אין די ווּיסטע היימען האָפן,
וואַרטן אויף זייער טרייסט ביז היינט...

נאָר אומזיסט!... געניג מאַשינען
האָט דער טייוול־מענש געפינען
צו פאַריתומען אַ וועלט,
יונגע לעבענס צו פאַרדאַרבן,
צו פאַרשנעלערן דאָס שטאַרבן,
צו רויִנען — זיין געצעלט...

דאָרטן, אויף די „עהרע־פעלדער",
אויסגעשמוצט מיט בלוט און שטויב,
צווישן טויטע פערד, חזרים,
וואַלגערן זיך קעפ, גלידערים —
פאַר די שוואַרצע קראָ אַ רויב,
צו אייער טרויער — קאַלט און טויב...

□ □
□

13

דאָרטן, אויף די „עהרע־פעלדער"
(קינ'ס עהרע, קינ'ס גלאַנץ)
פאַלן קעפּ פון אַלע ראַסן,
פון דעם בראַנדזען ביז דעם ווייסן,
אין אַ לאַנגען „עהרען קראַנץ"...

קעפּ פון זינגער און פּראָפעטן,
וועמעס ווערטער פלעגן גלעטן,
היילן, טרייסטן אונזער האַרץ,
זינגען פון אַ נייעם לעבן,
שיינע האָפנונגען אונז געבן,
מאָלן ווייס, וואס גרוי און שוואַרץ.

שאַרבנס מיט געקנייטשטע שטערנס,
וועלכע פלעגן טיף און ערנסט
טראַכטן פאַר אַ צווייטנס גליק,
פון זייער טיפן האַרצן שרייען:
„ברידער, געהט ניט גלייך ווי קין!
וואַרפט אויף קיינעם ניט קיין שטריק!"

און אין מיטן — קעפּ פון אידן
די אַפּאָסטאָלן פון פרידן —

אויך אין מולדים ברייטער נעץ!...
די, וואס האָבן שוין פון יאָרן
פאַר דער גאַנצער וועלט געבארן
פון לא תרצח אַ געזעץ!...

זיירע לעבענס דינען אייביג
פרעמדנס גליק דער פונדאַמענט:
פאַר צעמענט צו פיראַמידן,
ברען־פּראָדוקט פאַר קריג און פרידן,
ווינקל־שטיין פאַר פרעמדע ווענט...

בויען אייביג פרעמדע שלעסער,
מאַכן פרעמדע לעבנס בעסער,
בעטן פאַר אַ פרעמדנס גליק,
פלאַנצן פרעמדע אַ גן־עדן,
גיסן בלוט פאַר פרעמדע ליידן,
נאָר אויף זיירע גליק און פריידן
דאַרפן זיי ניט טון קיין בליק...

□ □
□

14

דאָרטן, אויף די „עהרע־פעלדער"
צווישן טאָלן, בערג און וועלדער,
ליגט אין שטויב אייר שטאָלץ און פרייד...
מאַרך — פאַרגליווערט אויף די שטיינער,
פון דער היץ פאַרגעלטע ביינער,
פנימער — פאַרקרומט פון לייד.

וואו דער „עהרן־צוג" דער ווילדער
האָט נאָר דורך געמאַרשירט —
איז פאַרשפּרייט מיט פלייש און ביינער,
מענשן־פּנים און הענט און ציינער,
שטעט און דערפער — רואינירט.

לייבער, וואָס פאַר יעדן אבר
וואָלט אַ מוטער ביז צום קבר
גערן גרייט געווען צו געהן,
ליגן דאָ צוהאַקט, צוריסן,
פון חזרים, הינט צוביסן, —
הפקר, עלענט ווי אַ שטיין...

פאַר די בלוטיקע קרבנות
אויף דעם „פאטערלאַנד"ס אַלטאַר:

פֿאַר די הייליקע מאַרטירער
האָט באלד דער געקרוינטער פֿירער
אידן רייך באַלוינט דערפֿאַר:

„אידן, איינער ווי דער צווייטער,
זענען אַלע רייכס־פֿאַררעטער"
האָט מיקאלע פּראָקלאַמירט...
און דאַרום: וואו די אַרמעען
דאַרפֿן דורכגיין אָדער שטעהען,
זאָל קיין איד נישט זיין געשפּירט!"...

יאָ, דעם קאָזאַק אויף להכעיס
שעפּן אַלע אידן נחת
פֿון דעם טויט פֿון אייגנע זיהן...
און די קינדער פֿון די וויגן
בעטן אַז דער דייטש זאָל זיגן,
ווייזן וואוהין די קויל זאל פֿליהן...

דער באַפֿעל קלינגט ריין און לויטער:
אידן זענען פֿאַלש דעם טראָן!
און זייער פֿאַלשקייט זאָל ניט שאַטן
די קאָזאַצקע „פּאַטריאָטן" —
דאַרף מען אַלע שיקן וואָן!

וואו עס פּלאַטערן די פּאָנען
פון די נייע ווילדע הונען,
וואו עס קלינגט די בלוטיקע שווערד —
זאָל קיין איד זיך ניט באַווייזן:
וואו עס הערשן שטאָל און אייזן
דאָרט איז הייליקער די ערד...

אין געציילטע קורצע שטונדן
זאָל מען רייסן אַלע בונדן,
אַלע פעדים מיט דעם אָרט,
וואו מ׳האָט יאָרן שוויים געגאָסן,
פון דעם לעבן וואָס גענאָסן,
ג׳הערט די קינדערס ערשטע וואָרט!...

לאָזן הפקר וואָס ס׳איז טייער
און אַנטלויפן ווי פון פייער
פון דער אַלטער ליבער היים,
וואו עס איז דיר ליב און אייגן
יעדעס גרעזל, שטעגן—וועגן
ביז דעם לעצטן שטיקל ליים.

וואו ער איז זיך איינגעזעסן,
ס׳שטיקל אָרעם ברויט געגעסן,

אין דער וויג געקושט זיין קינד,
דאָ, וואו זיינע קרובים רוהען,
אויף די קברים קוויטן בליהען,
שטיל געשאָקלט פון דעם ווינט...

וואו אַ קול פון אַלע עקן
הייליקע זכרונות וועקן
פון זיין נעכטן און זיין היינט;
זיינע טרוימען אויסגעשפונען,
זיינע פרייד און גליק געפונען,
זיינע ליבע, זיינע פריינד...

□ □
□

15

שבת קודש, ווען מיט אידן
זענען אַלע שוהלן פֿול,
ווען ביים ארון, פֿאַר דעם בורא,
בעט דער איד מיט פֿאָרכט און מורא,
איז געווען היינט שטערבליך שטיל.

ווי פֿארשעמט — אַליין דער ארון;
שטיל און פּוסט דער פֿרויען־גאָרן,
דער באַלעמער — ווי פֿאַרוויינט:
היינט האָט דאָרט קיין איד געטרעטן,
ניט געדאַוונט, ניט געבעטן,
און דער תורה ניט געליינט.

פֿון דעם רב ביז צו דעם בעדער
טראָגט מען מעבל, זעקלעך, קליידער
אויף אַן איינגעשפּאַנטער פֿיהר,
דער — די לייכטער, ספרים, שיסל,
דער — די לאָמפּן, מעסער, שליסל,
דער — די האקן פֿון דער טיר...

און ביי יעדער פֿוהר און בינדל
שטייט פֿאַרוואָלקנט דאָס געזינדל,

ברעכט די הענט און טרערן גיסט;
יעדער קוקט מיט טריבע אויגן,
ווי דאָס ווערט צוקלאפּט, צובויגן,
ווי עס ווערט פון אַלעם מיסט.

איינס ווערט מיט די פּיס צוטרעטן,
דאָס — צובראָכן, יענס — צוקנעטן —
אַש און פּאָריך ווערט פון דעם!
וויפיל טיירע שיינע זאַכן
(טייר און ליב אין טויזנטפאַכן)
וועלן ווערן מיסט און ליים!...

יעדער ווינקל, יעדעס גריבל,
יעדעס ברעטל פון דעם שטיבל
איז געוועזן פון טרערן פייכט.
אָפּצוּרייסן זיירע בליקן
און צו ווענדן זיי דעם רוקן
אַך, איז ניט געוועזן לייכט!

ווען אַ פייער זאָל פאַרניכטן
גאָר דאָס האָב אין איין מינוט,
וואָלט געווען דעם האַרצן ניחה'ר
ווי דער פּלוצימדיקע וויכער,
ווי אָן שולד די האַרטע רוט.

װען דער רב אין װײַסן קיטל
מיט אַ גאַנצער מחנה אידן
האָט געטראָגן פֿון גאָטס הויז
מיט געװײן די ספֿרי תורה,
איז געװען אַ מרה שחורה
און אַ קלאָג אין יעדער הויז...

און מיקאַליס טרײַע דינער,
פֿון דעם אַלעם ניט גערירט,
האָבן מיט זייער רויער שטימע
נאָך פֿאַרגרעסערט די מהומה
און זיך פֿרײלעך אַמיזירט:

„שנעלער, זשידקעס, טראָגט די פּעקלעך!
נעמט די פּאַראַסאָלן, שטעקלעך
און קיין פּאַלעסטינע געהט.
דאָרטן װעט איר עסן קוגל,
רוהען אין דער מאַמעס װיגל
און צוזאַמען אין דער ברייט.“

□ □
□

16

טרויעריק האט משה שלייען
זיין געליבטע היים באַטראַכט:
אַפֿן שטעהען פֿענסטער, טוירן,
ווי פֿאַרטרויערטע די מוירן,
פֿינסטער ווי די שוואַרצע נאַכט.

דאַ האט ער, ווי אין גן־עדן,
לאַנגע יאר פֿאַרבראַכט אין פֿריידן,
אויסגעניאַנטשעט יעדעם קינד;
דאַ איז זיינע קינדערס וויגל,
דאַ — געוואַקסן זיירע פֿליגל,
פֿרייע ווי דער פֿרייער ווינט.

יעדער ציגל, יעדעם שטיינדל —
ווי אַן אבר פֿון זיין לייב.
איינגעבאַקן אין די גלידער,
ווי די ברכה פֿון אַ ברודער,
ווי זיין אייגן קינד און ווייב...

און ווען די געפּאַקטע פֿוהרן
האבן זיך גענומען רירן
אין דעם וויטן פֿרעמדן וועג,

איז ער צו די ווענט געפֿאַלן,
טרערן, ווי צוויי הייסע קוואַלן,
יעדעס שטיינדל אויסגעווייקט.

און באַלייט האָט אים דאָס הייזל
מיט אַ טרויעריקן בליק . . .
מיט די שוואַרצע פֿענסטער—אויגן
האָט עס ווי צו זיך געצויגן
און געבעטן אים צוריק,
רייסנדיק זיין האַרץ אין שטיק.

□ □
□

17

לאַנגזאַם ציהען זיך די פֿוהרן...
וואס פֿאַר הייזער, וועלכע טירן
גרייט דאס שיקזאל אן פֿאַר זיי?
האט נאך עפּעס די מלחמה
אנגעגרייט אַ נייע חרמה,
נאך אַ ביטערערען וועה?...

צווישן בערגער, טאל און לאַנען,
ווי צוויי שוואַרצע קאַראַוואַנען,
געהט אַ לאַנגער, לאַנגער צוג.
פֿון אַיעדן וואגן שיקן
אידן טרויעריקע בליקן
צו דעם שיינעם זומער־טאג.

טויט־שטיל די גאַנצע רייע,
ווי אַ הייליקע לויה,
ווי אַ טרויעריק געבעט.
איינער טוליעט זיך צום צווייטן,
פֿרעגענדיק די הענד צושפּרייטן —
זוכן ענטפֿער אויף די לייד.

הינטן איז די שטאט פֿאַרזונקען.
זאַנגען צו די פֿוהרן ווינקען

מיט די גרינגע שווערע קעפּ.
שאָקלען אויס אַ שטילע תּפלה
פֿאַר דער נע־ונד'ער קהלה,
מידער פֿון די שווערע קלעפּ.

און אויף איינער פֿון די פֿוהרן
וואַקסט אַרויס אַ ווייס געשטאַלט
ווי צוויי שטערן טיפֿע אויגן,
הענט — צום הימל אויסגעצויגן,
ס'קול זיינס ווי אַ דונער שאַלט:

„אידן—ברידער! לאָמיר בעטן
גאָט זאָל אונז אין וועג באַלייטן —
פֿיהרן אונז אין רעכטן וועג...
ווער פֿון אונז פֿאַרשטייט גאָטס דרכים?
ער איז מלך־מלכי־המלכים,
און זיין האַנד דעם מענשענס טעג."

„פֿאָטער הייליקער אין הימל,
שטראָף אונז ניט פֿאַר אונזער טומל —
הער אויס אונזער טיף געבעט:
זינדיק זענען מיר: דיין תּורה
האָבן מיר פֿאַרלאָזט אין מורא,
תּאוות זיך אין האַרץ צושפּרייט..."

„דיינע צען געבאט — פֿאַרגעסן...
קנאה — אונזער האַרץ געפֿרעסן...
שנאה — אונזער זעל פֿאַרקרומט...
פֿאַר אַ שטיקל עולם הזה —
זיך ערנידעריקט, מבזה...
דאס רחמנות אפֿט פֿאַרשטומט..."

„שוואַכע זענען מיר, ווי קינדער...
שוואַכער ווי בייגאַכט אַ בלינדער...
בייזע וועלף פֿון אַלע זייטן...
יעדער דארשט נאך אונזער בלוט,
וויל אויף אונזער רוקן רייטן,
און דו שטעהסט און קוקסט פֿון ווייטן?"

„שטראָף אונז, אבער מיט רחמנות!...
לערען, אבער אָן קרבנות!...
זעה, וואס האסט פֿון אונז געמאכט:
ווי אַ זונה, אַ פֿאַריאגטע,
אַן אלמנה, אַ פֿאַרפּלאגטע —
אָן אַ שעלטער אויף אַ נאַכט!...

אונזער ערע, שטאלץ — פֿאַרלוירן...
צו דער היים — פֿאַרמאַכט די טוירן...

פֿרעמד דער הימל, פֿרעמד די ערד...
און אַ היכל ליגט דיין תּורה...
פֿול די הערצער פּחד, מורא...
איבער אונזער קאָפּ די שווערט..."

„פֿון דער תּוכחה אַלע חרמות
האָסטו אונז שוין איינגעטיילט...
נו, געגנוג שוין!... דאַרפֿסט נאָך טרערן?
מערער וויפֿיל זאַמד און שטערן
האָבן מיר שוין אָפּגעציילט —
צייט שוין, צייט צו זיין געהיילט!..."

□ □
□

18

שלעפּט אייך, ברידער! אויף די וועגן
דארטן געהען אייך אַקייגן
נייע צרות, נייע שלעק...
שפּארזאַם נוצט אוים איירע טרערן,
שרייט ניט — קיינער וועט ניט הערן...
ווייט נאך, ווייט איז צו אַ ברעג...

שוין ניט איינמאל אויף די פוהרן
האט מען אייך געזען „שפּאַצירן",
זוכענדיק אַ רוהיק לאַנד.
שוין ניט איינמאל האט געציטערט
אין די לופטן און פאַרביטערט
זיך געבאַלט אייר שוואַכע האַנט...

שוין ניט איינמאל אויף די וועגן,
אין די קעלטן, שניי און רעגן
האט איר טעג און נעכט פאַרבראַכט;
איבער איירע מידע לייבער,
איבער איירע קינד און ווייבער
טויזנט בליצן שוין געקראַכט.

שוין ניט איינמאל האט געטראָפן
אייך דער שטורם אין מיטן פעלד,

ווען, פֿון איר היים פֿאַרטריבן,
זענט איר הויל און בלויז געבליבן
און געבלאָנדזשעט אויף דער וועלט...

ווען אברהם האָט זיינע געצן
אויפֿגעהערט צו דינען, שעצן
און געמאַכט אַ בונד מיט גאָט,
האָט ער באַלד זיין שׂכר באַקומען:
ס׳פּעקל אין דער האַנט גענומען —
„לך־לך״, זיי נע־ונד!...

גייע שוין פֿון דיין לאַנד דעם שיינעם,
פֿון די קרובים, פֿון די שכנים —
בלאָנדזשען אויף דער ווייטער וועלט...
גיב דאָס ווייב צו אבימלך
און אַליין בלייב רוהיק־פֿריילעך:
ענגלען האָט דאָרט גאָט געשטעלט...

פֿאַר דיין ליבע צום באַשעפֿער,
פֿאַר דיין פֿריינדליכקייט צו געסט,
זאָלסטו זיך דיין לייב צעשניידן,
שאַרפֿע שמערץ און ווייטיק ליידן,
געבן ס׳בלוט דיינס אַן פּראָטעסט...

ווען נאך הונדערט טריבע יארן
ווערט אַ זונדל אים געבארן —
מ'פאטערס שטאָלץ, דער מוטערס פרייד,
דאַרף אַ ל י י ן דער אַלטער זיידע
פירן אים צו דער עקדה...
שנעל ווי בליצן קומט די לייד —
שרה'ן נאר די בשורה שפעט...

אט אַזוי שוין לאַנגע יארן
שלעפט זיך, פלאנטעט זיך גאטס קינד.
פול מצבות אַלע שליאַכן,
בלוט און טרערן — אַלע טייכן,
פון אברהם ביז אַצינד...

□ □
□

19

פֿרעמדע מענשן, פֿרעמדע גאַסן,
פֿרעמד דער הימל, פֿרעמד די ערד,
אידן שטעהען ביי די טירן
וואונדערן זיך אויף די פֿוהרן —
ס'בייזע נייעס באַלד דערהערט.

אבער ווען די גרושים פֿרעגן,
פֿאַר אַן ארט דעם קאָפּ צו לייגן —
ווייזט אַן יעדער מ'צווייטנס הויז...
גרייט מיט פֿרעמדן ברויט זיי שפּייזן,
ווייטער זיי דעם וועג צו ווייזן
און אַליין צו ווערן לויז...

אָפּנהערציק, ווי אַ מוטער,
ווי אַ טייערער פֿריינד אַ גוטער,
האָט געעפֿנט אירע אָרעם
נאָר די שוהל די אַלטע טרייע,
וואו פֿון בענק אַ לאַנגע רייע
זיי באַגעגנט מילד און וואַרעם.

פֿון דעם הייליקן פּרוכת
זיי געבענשט צוויי זילבער־הענט.

שטיל געפֿינקלט דער נר־תמיד
פֿון דעם אַלטן גרויען עמוד
און געגרוסט די אַלטע ווענט.

דארטן, אויף די קאַלטע שטיינער,
האבן אויסגערוהט די ביינער
די גרושים ד'ערשטע נאַכט.
איבער זיירע מידע קערפּער
האט געשפּריצט מיט רויטן פּערפּער
די לבנה ווי פֿאַרטראַכט.

פֿון דעם ארון קוקט דער אדלער
אויף די שלאָפֿענדע ערשטווינט,
און די שוהל־מייזלעך מיט שרעקן
וואַרפֿן זיך אויף אַלע עקן
צו די בילדער ניט געוואוינט.

□ □
□

20

אידן בויען נייע שוהלן,
זיי אין גאלד און זילבער הילן,
ווענט — פּאלירטער מערמלשטיין.
פרויען־כארן תפלות זינגען,
מעלאדיען זיסע קלינגען
פון ארגאַנען שטאלץ און שיין.

זעלטן הערט איר דארטן וויינען,
זעלטן שווימט אַרוים אַ קרעכץ.
ווי צום טאַנץ געפּוצט די מענער,
און געצירט וואס רייכער, שענער
זיצן פרויען לינקס און רעכטס.

ריין און זויבער. העל און ליכטיק,
אַלעס פונקלט ריין און ציכטיק,
אבער — קאַלט איז דארט און שטום . . .
ד'אַלטע אידישע נשמה
פיהלט דארט נישט קיין שום נחמה,
בלאנדזעט דארטן פרעמד אַרום.

אבער אין די אַלטע שוהלן,
וואו צובראכן שטייט דער דאַך,

וואו די ווענט — צו דר'ערד געבויגן,
וואו די שויבן — לאַנג צופלויגן
און די ערד — מיט פאָריך רייך,

וואו די פלעדער־מויז און טויבן
פליהען דורך די אפנע שויבן
גלייך צום ארון אין זייר נעסט —
דארטן פיהלט דער איד זיך גליקליך!
דארט געפינט ער אויגנבליקליך
אין אַן עת־צרה זיין טרייסט.

דארטן, ביים פאַרשטויבטן עמוד,
זוכט ער דין און רחמים תמיד,
וויינט זיך אוים זיין ביטער האַרץ;
דארטן דאַנקט ער גאט אין פריידן,
טראגט אַהין זיין צער און ליידן
און באַקלאגט זיין טיפן שמארץ.

זוען ער בלאנדזעט אויף די גאַסן
אן אַ היים און אן אַ פריינד;
ווען ער האט זיין רוה פאַרלוירן,
זיין פאַרמעגן אנגעוואוירן,
אן אַ מארגן, אן אַ היינט;

װען זײַן װײַב, זײַן קראַנקע מוטער
קרעכצט פֿון הונגער שװער און ביטער,
אדער ציטערן פֿון קעלט;
װען דאָס לעבן נעמט אים דריקן,
רײַסן, ברעכן, װאַרפֿן, שטיקן,
און פֿאַרמאַוס׳ט איז אים די װעלט: —

צו דעם הײליקן פּרוכת
לויפֿט ער זוכן הילף און שוץ;
זײַן צעבראָכענע נשמה
זוכט זיך דאָרטן אַ נחמה,
טרײסט און האָפֿנונגען אויף גוטס.

□ □
□

21

ווען די ערשטע מארגן־שטראַלן
זענען פֿון דער הויך געפֿאַלן
און די פֿינסטערניש צושפּרייט,
ווען די גאָלד־געפֿאַרבטע פֿעדים
האבן ווייט פֿאַריאָגט די „שדים",
פֿאַר דער זון אַ וועג געגרייט —

האט אַ רייע סילועטן
זיך באַוויזן אויף דער ערד:
שוואַרצע, גרויע, בלייכע צורות
דא אין קופּעס, דארט אין שורות,
ווי די חללים פֿון אַ שווערד...

זוכענדיק אַביסל וואַרעם,
טוליען זיך אין פֿרעמדע אַרעם
קינדערלעך אין טיפֿן שלאָף.
דאס — מיט הענטלעך אויסגעשטרעקטע,
דאס — מיט פֿיסלעך אויפֿגעדעקטע —
אַ שלאָפֿענדיקע סטאַדע שאָף.

העלער, פֿייעריק דער הימל,
אויף די ווענט, באַדעקט מיט שימל,

בייט זיך, שפּילט זיך דער קאָליר:
גאָלד און פּורפּור, סאַמעט בלויער,
גרינער אַטלאַס, מאַרמאָר גרויער,
בליקן, בליקן אָן אַ שיעור.

און אַ ברייטער שטראָם פון פייער
גיסט זיך, שטראָמט אויף אַלע ווענט:
די מנורה, שטענדערס, טישן
רויטע צונגער לעקן, ווישן —
אַלעס ווי אין פלאַמען ברענט.

ליכטיק... איינער נאָך דעם צווייטן
פון דעם שטיינער־בעט דעם ברייטן
הויבן זיך צובאַרשטע קעפּ:
דער — צופּאַטלט, די צושויבערט,
דער — נאָך פון אַ טרוים באַצויבערט,
מיידלעך מיט צולאָזטע צעפּ...

קינדער וויינען, קינדער שרייען:
דאָס וויל טרינקען, דאָס וויל קייען,
דאָס בעט זיך אַהיים צוריק...
טויזנט קולות ברומען, וועקן,
טראָגן זיך פון אַלע עקן —
שווימען, דרויבלען זיך אין שטיק.

מענער, פֿרויען, אינגלעך, מיידלעך
מאַכן דא דעם טואַלעט;
מיטער אויף די מאַרקן לויפֿן
שפּייז די קינדערלעך צו קויפֿן,
ווייל זיי בלייבן נאך אין „בעט".

און צוזאַמען מיט דעם מארגן
האט ערוואַכט אַ קוואַל פֿון זארגן:
פֿאַר אַ היים, אַ שטיקל ברויט...
זיך באַהאַלטן פֿון די בליקן,
וועלכע נייגעריג דא קוקן;
זיך פֿאַרבאַרגן וואו פֿאַרשטעקן
מיט זייער שרייענדיקער נויט.

□ □
□

22

רוהיק, גליקליך, ווי אַ מלך,
אומבאַזאָרגט, צופרידן, פריילֿיך,
ניט פאַרלוירן, פריי און שטאָלץ
קאָן נאָר זיין דער בעל מלאכה:
אין זיין האַנד איז זיין הצלחה,
זיין געזונט — איז ברייט מיט זאַלץ.

מעגן זיך די הימלען בייטן,
מעגן בייטן זיך די צייטן
און די לענדער אָן אַ צאָל,
וועט ער אומעדום געפינען
פאַר זיין דאַרשט אַ גרייטן ברונען,
זיינע שפּייזער — שער און אהל.

מעגן כוואַליעס בייזע שלאָגן
און זיין שיפל ווייט פאַרטראָגן —
גוט איז אים אויף יעדן ברעג:
וועט זיין פוס די ערד נאָר טרעטן,
באַלד געפינט ער דאָ אַ גרייטן
זאַטן מיטאָג און אַ דעק.

קיינער קאָן אים ניט באַרויבן,
קיינער — צונעמען זיין ברויט:

זיינע פּעהיקע צען פינגער
שיצן אים פון קעלט און הונגער,
שפּייזן טריי אים ביז צום טויט.

ווילט איר, פּעטער, אייר געוויסן
זאל ניט פון קיין ליידן וויסן,
ניט באוויינען אייך אייר קינד —
לערנט, לערנט זיי מלאכה:
נאר אין איר איז מזל—ברכה,
רוהיק לעבן און געזונד!

זי דערהייבט ניט ביז צום הימל,
אבער וואַרפט ניט ביז צו דר'ערד:
ווען די בייזע ווינטן ווייען,
ווען די לעבנס־כוואַליעס דרייען,
ווען עס בלאזן קאַלטע שנייען —
דענסטמאל פילט איר ערשט איר ווערט!

ביי דעם קלאפּן פון דעם האַמער
ווערן לייכטער נויט און יאמער,
רוהיקער דאס בלוט אין האַרץ;
פאַר דעם גרילצן פון די פּיילן,
לויפט די זארג אַוועק פאַר מיילן,
לינדער ווערט דער טיפסטער שמאַרץ.

ביי דעם זמר פֿון דעם רעדל,
ביי דעם צוויקן פֿון דער שער,
לייטערן זיך די געדאַנקען,
הערסט אויף צווייפֿלען, בלאָנדזשען, וואַנקען
און ס'איז ניט שוין אַזוי שווער.

משה שלייען האָט זיין לעבן
נאָר געוואוסט פֿון ל ו י פֿ ן, ש ו ו ע ב ן —
האַנדלען, וואַנדלען, „קויף—פֿאַרקויף";
פֿון דער קאַליע געצוויגן —
האָט זיין שטערן זיך געבויגן,
פֿוי זיין גליק — אַ גיכער סוף.

□ □
□

23

די קאַרעטע פֿון דעם לעבן
הערט ניט אויף צו רוישן, שטרעבן —
בלייבט ניט שטיין אײן אויגנבליק:
שנעל זיך דרייען אירע רעדער
אן אַ גרעניץ, אן אַ סדר,
אן אַ ציל און אן אַ גדר
און מיט איר — דעם מענשענס גליק.

אויף דער קאָזליע מיט דעם בייטשל
זיצט די צ ײ ט און טרייבט די פֿערד
אין די קעלטן, היצן, רעגן,
אן אַ קרעטשמע אויף די וועגן,
אן אַ ה פ ס ק אין באַוועגן,
פֿון קיין כּח ניט געשטערט.

פֿול דער וואגן פּאַסאַזשירן —
מיט קיין אבר ניט צו רירן
און עס ווערט אַלץ מער און מער;
ווי די בייזע ווילדע טירן
פֿאַר אַ פּלאַץ דארט קאַמפֿן פירן,
ווייל אַרויף איז ענג און שווער.

פֿאָרוועלטס, פֿאָרוועלטס איילט דער וואָגן,
שווער אין לויף אים צו דעריאָגן,
שטעלט זיך ניט פֿאַר קיינעם אָפּ.
דעם — צעשניידט ער מיט די רעדער,
דעם — צעפּליקט ער ווי אַ פֿעדער,
דעם — אַ שמיץ צו דר'ערד אַראָפּ.

מיט אַ פּייף, אַ קלינג, אַ סווישטשע,
מיט אַ טראַסק, אַ קנאַק, אַ פּישטשע
יאָגט ער ווייטער שנעל זיין וועג.
ווער ס'איז ניט אַרויף באַציייטן —
בלייבט אויף אייביק פֿון דער וויַיטן
גייט צופֿוס זיין לעבענס טעג . . .

□ □
□

24

משה האט די שעה פֿאַרלוירן,
ווען צו רייכטום אַלע טוירן
האבן זיך געעפֿנט ברייט,
ווען פֿון גאלד אַ מילדער רעגן
האט באַגאסן אַלע וועגן,
אין די גאַסן זיך געשפּרייט.

און ניט ע ר, דער אַלטער סוחר,
וועמעס ווארט איז האַרט ווי שטיין,
וועמעס האנאר און געוויסן
הייסט ניט רויבן יענעמס ביסן —
האט געקאנט אין ריי איצט גיין...

האַנדלען ווייבער, קינדער קליינע,
מיידלעך, באַלעבאַטים שיינע,
טאַנצט דער רב מיט זיי אין קאָן.
דער מלמד וואַרפֿט דאס טייטל,
וואַרפֿט די רביצין דאס שייטל —
סוחרים ווערט ווי זאַמד און מאָן!...

ווי אין אַלטן דור הפלגה
האט דער עולם זיך צומישט:

דאַ פֿאַרקויפֿט דער דײַן — אײַזן,
הויבט דער רב פֿון מעל די פּרײַזן —
דין און יושר — אָפּגעװאַשט!...

אויף די פֿעלדער, אויף די װעגן,
אין דער קעלט, אין שניי, אין רעגן,
מיט די בײַטשלעך אויף דעם פֿערד
טראָגן זיך, פֿון גײַץ געטריבן,
סוחרים, מוכרים — ששים ריבוא,
ס'װערט פֿאַרפֿלײצט מיט זיי די ערד...

װוּ דאָס חיל האָט נאָר געטרעטן,
פֿלעגן סוחרים זיי באַלײַטן —
באַלד אַ קראָם געעפֿנט דאָרט...
דאָרט װוּ ס'גיהנום האָט געפֿלאַקערט,
הייסע קוילן ס'פֿעלד געאַקערט,
בלוט געזאָטן, שאַנד און מאָרד —
הערט איר דאָרט זייער קלינגענד װאָרט...

איינער אײַלט זיך פֿאַר דעם צװייטן
ניט דעם יום־טוב צו פֿאַרשפּעטן
און צו זאַמלען מערער געלט.
מ ו ל ך האָט דאָס בלוט געטרונקען,

מאַמאָן האט די זעל פֿאַרזונקען —
שדים טאַנצן אויף דער וועלט!...

און וואס שטאַרקער דער געטומל,
אַלץ פֿאַרגעסט מען מער אין הימל —
ווער מיר ברודער, וואס מיר פֿריינט?
מוזיק ווערן שווערדן־קלאַנגען,
וועה־געשרייען — כאר־געזאַנגען,
לעבן זאל דער גאלדנער היינט!...

פֿאר אַ גאלדענער מטבע
דרייען אַלע זיך אין ראד:
יעדער וואלט עס מיט די אויגן
נאר אין טאַש צו זיך געצויגן,
גרייט פֿאַר איר אַ בלוטיק באד
אויסצוגיסן אן גענאד.

אויף די הויכע בערג קאַרפּאַטן
קראַכן, דונערן אַרמאַטן —
ס'ציטערט ביז צום האַרץ די ערד.
יונגע קולות שרייען, קלאגן,
כוואַליעס בלוט דארט זידן, שלאגן,
לעבנס — ווי מיט בעזעמס קערט.

און אַביסאַלע פֿון ווייטן,
אויף די צווייטע בערגענס־זייטן,
רעשט דער האַנדל אונפֿאַרשעמט...
דאָרט ווערט יעדע זאַך אַ סחורה:
גאָלד פֿאַרטרייבט די מרה שחורה
און דאָס האַרץ ווערט ווי געלעמט...

פֿאַר אַ סוחר, אַ געניטן
ברענגען טויט און בלוט פּראָפֿיטן —
יעדער קרעכץ — אַ שטיקל גאָלד...
יעדע שלאַכט — אַ זומער־רעגן,
בלוט און פֿייער — גאָטעס־זעגן,
נויט און הונגער — זיין פֿאַרמעגן,
טייערע בלימאַלעך אין וואַלד...

משה האָט מיט האַס און עקל
אויף דעם ווילדן שפּיל געקוקט,
ווי אין ווילדן משוגעת,
ווי אין שרעקליכן חולאת
האָט דאָס שטעטל זיך געוויגט.

דאָרט, וואו מענשן־קינדער ליידן,
זאָל ער גליק און רייכטום שניידן,

ווערן רייך פֿון יענעמס נויט?
וואו עס שנײַדט און האַקט דאס מעסער
זאל ער זיך דארט מאַכן בעסער,
מאַכן זיך פֿון טרערן — ברויט?...

פֿון די זיפֿצן פֿון אלמנות,
פֿון די שרעקן און סכּנות,
פֿון די מוטערדם נויט און פּיין —
זאל ער זוכן רייך צו ווערן,
מאַכן גאלד פֿון זיירע טרערן,
טרינקען פֿון דעם בעכער וויין
וואו נאר טרערן דאַרפֿן זיין?...

□ □
□

25

צי פֿון וואוילטאָג, צי רחמנות,
צי פֿון לאַנגווייל, צי עקשנות,
האָט דעם קיסר'ס אַלטע מויד
מיט פֿיל יונגע לייט בציבור
געלט געזאַמלט אין די שטיבער
און געטיילט די קינדער ברויט.

וואוהין טאַטיאַנע איז געקומען —
האָט געגעבן פֿריי די האַנט:
גאָלד האָט ווי פֿון טיפֿן ברונען
אין איר ברייטן זאַק גערונען
פֿון דעם גאַנצן רייכן לאַנד.

אירע ליבלינגע, קלעווערעטן
האָבן ג'האַט אַ ביין אַ פֿעטן —
פֿון דער צדקה — זיך געשלעפּט...
ווער „מהדיפית" האָט געזונגען
איז ניט איין מאָל אויך געלונגען
הערן אַ פּאָר רובל קלינגען —
פֿאַר דעם איד אַרויסגעשעפּט.

משה האָט פֿון די מתנות,
פֿון דעם פּריצישן רחמנות,

פון די קליידער, פון דעם געלט
ניט געוואלט קיין זאך געניסן,
ניט פארשמירן זיין געוויסן —
פאר זייר טריפה־מאוסן ביסן
האט געווארפן אים אין קעלט...

ביטערע צוויי יאר און שווערע,
שווארצע, טרויעריקע, לערע
האט ער אין דער פרעמד פארבראכט.
ס'לעצטע ביסל האב פארלוירן,
אפט געהונגערט און געפרוירן,
מיט די קינדערלעך געשמאכט.

און ארום אים רוישט אין פיבער
אויף די גאסן, אין די שטיבער:
פרייזן, סחורה, געלט און געלט...
מוחות טראכטן ספעקולאציעס,
יונגען שאפן מאכינאציעס —
אסיגנאציעס — די וועלט!...

26

ווען עס ברענט אַ העליש פֿייער
אַן אַן אויפֿהער זיבן יאָרן, —
ווערט דאָרט אין די הייסע פֿלאַמען,
וואו די רויטע צונגען שטראָמען
אַ סאַלאַמאַנדראַ געבאָרן.

רויט ווי פֿייער — אירע קליידער,
לייכט איר שוואונג — נאָר ווי אַ פֿעדער,
און די אויגאַלעך — בריליאַנט...
גרינג און בויגזאַם איז איר קערפּער,
שיין און רייצנד איז איר פּערפּער,
און זי בלישטשעט און זי שײַנט...

פֿריי שפּאַצירט זי אין די פֿלאַמען,
וואַסער מאַכט פֿאַר איר קיין צאַמען, —
ניט קיין מעסער, ניט קיין שווערט.
קומט זי — לייכטן טיפֿע גריבער,
העל און פֿריילעך אין די שטיבער
און אַ היילכיק ליד זיך הערט.

נאָך האָט אויף די ווייטע פֿעלדער,
ברייטע ימים, טיפֿע וועלדער

העל געברומט דער טויטן־קלאַנג,
נאך פֿון שרעק די וועלט געציטערט,
נאך די שווערט געהאַקט פֿאַרביטערט
און געשניטן זאַנג נאך זאַנג;

נאך האט אין דעם ריינעם האַרצן
פֿון דעם רויִקן סאלדאַט
זיך געגאסן גיפֿט פֿון שנאה,
ראַסן־האַס און ווילדע קנאה
פֿאַר דעם וואוילגיין פֿום מאַגנאַט, —

האט זיך פלוצים אין די רייען
פֿון אַ פֿיהלונג גאר אַ נייען
אויסגעזונגען אַ געזאַנג:
„הע, איר דארט אין די טראַנשעען
„פֿון געצוואונגענע אַרמעען!
„אַלעם איז אַ פּוסטער קלאַנג —
„וואַרפֿט אַראפּ פֿון זיך די צוואַנג!

„האַקן מיר אויס אײַערע וועלדער?
„אַקערן מיר פֿרעמדע פֿעלדער?
„רויבן מיר אײַער שטיקל ברויט?
„האט מיין טאכטער דיך באַליידיקט?

„צי מיין זוהן — דיין גוטס געשעדיקט?
„צי אַוועקגערוקט דיין פּלויט?...

„אַלע האט אַהער פאַרטריבן
„אונז א פרעמדע, קאַלטע האַנט;
„די, וואס פרעסט און דריקט און מאַטערט —
„האט אונז פון דער היים דערוויטערט
„צו פאַרכאַפּן יענעמס לאַנד...

„איך באַגער ניט דיינע לאַנען,
„דיינע שיפן, שטעט און באַנען,
„ניט דיין האַמער, ניט דיין שער.
„מיר פאַרמאגן נאר די פינגער,
„וועלכע שפייזן אונז אין הונגער, —
„קיינער איז נאך זיין באַגער
„גיסן בלוט געקומען 'הער..."

פון איין גראבן ביז צום צווייטן
האבן פיינד געשיקט זיך קווייטן
און אַ ברודער־פריינדליך ווארט...
און דער שטראם פון האַס און קנאה
האט געטראגן זיך מיט שנאה
איצט שוין צו אַ צווייטן ארט...

צו די הערשער, צו די פירער,
צו די בייזע פאלקס־רעגירער,
וועלכע נאַרן אפ די וועלט,
ברענגען דורות פאַר אַ קרבן,
שטעט און נאַציעס פאַרדארבן
פאַר זייר כבוד, פאַר זייר געלט...

מיט דעם צלם — פיינדשאַפט וועקן,
יעדער הייליקטום — פאַרפלעקן,
ברענגען לייד, און פיין, און שרעקן
אין דעם נאמען פון „געבאט"...
טראגן ארעמקייט אין קייטן,
הונגער, נויט און שרעק פאַרשפרייטן —
זאגן, אַז אַזוי וויל גאט...

אין דעמזעלבן העליש פייער
האט זיך אנגעכאַפּט זייר שייער
און פאַרברענט אין שוואַרצן קויל:
קרוינען, טראנען — שטויב און שפענדלעך!
פון פאַלאַצן — קופּעס שטיינדלעך!
רייכע שררים — בלויז און הויל...

אויפגעדעקט האט זיך דער צויבער:
גאַטס ערוועלטע — פראסטע רויבער,

גרויסער נביא — שטום־און־טויבער
און זייר מאַכט — אַ זייף־פּאַכיר!...
און דאס פֿאלק האט זיי, ווי שמאַטעס,
אין דעם מיסט דארט ביי די גראַטעס
זיי געשליידערט פֿאַר דער טיר...

רעוואלוציע! וויפֿיל פֿריידן,
וויפֿיל שרעק און אַנגסט און ליידן
וועקט אין האַרץ דאס איינע וואָרט!
וויפֿיל האפֿנונגען ריינע,
וויפֿיל טרוימען זיסע, שיינע
הערט איר קלינגען, זינגען דארט!

אין אַ פּורפּור־רויטן מאַנטל,
מיט אַ בלאַנקענדיקער שווערט
שפּאַנט איר מעכטיקע פֿיגורע
שטאלץ און פֿריינדליך, ווי אַ שררה,
איבער דער באַפֿרייטער ערד.

ס׳קלינגט די שווערט אויף אירע היפֿן,
שיינט דער שמייכל אויף די ליפּן —
פֿול מיט ברכה איז די צונג;
צווישן דונערן און בליצן,

צווישן יובעלן און וויצן
קלינגט איר שטימע העל און יונג.

וואו די שווערע קייטן קלינגען,
וואו די נויט מיט ענגע רינגען
האט דעם האלדז געפרעסט, געשטיקט —
האבן דארט די פ ר י י ה י י ט ס־קלאנגען
לייב און זעלע אומגעפאנגען,
הארץ מיט האפנונגען געקוויקט!

אין די שאכטעס, אין די גריבער,
אין די קאלט־און־נאסע שטיבער
איז געווארן פלוצים ה ע ל.
ג ל י י ך — דער אויסגעקרומטער רוקן,
ל ו י ט ע ר — די באטריבטע בליקן —
פרילינגס־בלומען ביי דער שוועל!

די קאידאנעס, שווערע קייטן —
ווערן ג ר י נ ג, ווי שיינע ק ו ו י י ט ן,
פון איר איין־און־איינציק ווארט.
וואו די ר ו ט פלעגט פייפן, סווישטשען
וואו דער ד ע ג ן שטענדיג בלישטשען —
קלינגט די מ א ר ס ע ל י ע ז ע דארט.

קלינגט און טראָגט זיך אין די גאַסן
ווידערהאַלט פֿון ברייטע מאַסן,
ווידערהאַלט פֿון גרויס ביז קליין:
שאַטנס בלייכע פֿון די גריבער
זינגען מיט אין כאָר בציבור —
ברעכן דעם מצבֿה־שטיין.

□ □
□

27

פרייע, ווי ערשט נאר געבארן,
זענען פון דעם יאך געווארן
די פאַריאגטע פון זייר היים:
אפןברייט פאַר אים די וועגן;
וואס ער ווינשט נאר, וועט ער מעגן,
אוים די רוט, די בייטש, דער דעגן —
גיימט באַלעבעט דאס קאַלטע ליים.

און אַהיים האט באלד געצויגן
אַלע הערצער, אַלע אויגן
מיט אַ שטורמיש שטאַרקער הראַפּט —
צו די אייגענע כאַלופּעס,
צו די האַלב־פאַרפוילטע סלופּעס,
וואו די זעלע פרישער שאַפּט.

פון סיביריען דעם קאַלטן,
וואו די פרעסט די ביימער שפאַלטן,
פון דעם ווילדן סאַכאַלין,
פון די דעמפּע קאַזעמאַטן,
פון אמור דעם פרעמדן, וויטן,
פון קאמטשאַטקא, פון כאַרבין,

אויף דיזעלבע שווערע וועגן,
וואו אין פראָסט, אין קעלט און רעגן
האָט געשפּאַנט אַ קאַראַוואַן
מיט פאַראורטיילטע „פאַרברעכער“,
דאָרט צו טרינקען פון דעם בעכער
שווערע ליידן, שטראָף און פּיין —

ציען זיך אין לאַנגע רייען
צו אַ לעבן צו אַ נייען
אַלע צו זייער היים צוריק.
און עס רוישט דער וועג מיט לידער,
אַז עס וועקט דאָס האַרץ, די גלידער
און מיט גליק איז פול דער בליק.

□ □
□

28

משה שלייען פּאַקט די זאַכן,
רופֿט מיט זיך זיין ווייב און קינד,
פֿול מיט בענקשאַפֿט, פֿול מיט פֿריידן
צו זיין פֿריריקן גן־עדן
לויפֿט ער צו זיין היים געשווינד
אויף די פֿליגל פֿון דעם ווינד.

□ □
□

29

צושמעטערט אין חורבות די היים...
אָן פֿענסטער, אָן ווענט,
פֿאַרחושכט, פֿאַרברענט —
אַ קופּע פֿון שטיינער און ליים...

מיט וואלקנס מיט שוואַרצע באַדעקט
פֿון רויך און פֿון פֿלאַם —
אַ שטיינערנער ים,
מיט פֿינגער צום הימל געשטרעקט...

מיט לעכער, ווי וואונדן, געצירט...
אָן הויט און אָן ביין,
מיט אָפֿענע ציין,
פֿאַריאָמערט, פֿאַראומרייניקט, פֿאַרשמירט...

עס דוכט זיך — זיי ווילן פֿום לאַנד
זיך רעטן געשווינד,
אַוועק מיט דעם ווינד,
נאָר ס'האַלט זיי אַ פֿורכטבאַרע האַנד...

און ציגל, ווי טרערן אַרים,
מיט רעש און געוויין,

אַ שטיין נאָך אַ שטיין
פֿון אויבן זיך קויקלען מיט גרים...

די קוימענס — ווי העלדזער אין קעפּ,
זיך שטרעקן און ציהן
אַהין העט אַהין —
און בלייבן פֿאַרשטארצט ביי די טרעפּ...

די קעלערס — געעפֿנט זייער סוד:
נאָר שמוץ און נאָר קוואַל
געפֿינט דאָרט דער שטראַל
און ווערט ווי פֿון בושה אַזש רויט...

□ □
□

30

חורבות, חורבות ס'גאַנצע שטעטל —
פֿאַר דעם כאַפּ נישטא קיין אָרט:
דא — נאר פֿיר פֿאַרברענטע קלעצער,
דארט—מיט מיסט פֿאַרשאַרטע פּלעצער,
און אַ שטיקל ווענטל דארט...

דאס—האט אַ קאַרטעטש צושלאגן,
ס'אַנדערע האט דער שטורם צוטראגן
איינס — צושמעטערט מיט די הענט.
דארט האבן די גוטע „שכנים"
אין אַ פֿרימארגן אַ שיינעם
מיט די העק צוקלאַפּט די ווענט...

פֿאַר דעם מענשנס שטאַרקן ווילן
מוז זיך אָפּט דאס שיקזאַל שטילן —
פֿאַר דער מילב זיך בויגט דער באַרג!
וואו נאר דער באַגער איז פֿעסטער
איז דער רעזולטאַט דער בעסטער —
אַלעם בויגט פֿאַר אים דעם קאַרג.

ווי די שוואמען נאך אַ רעגן
האט געוואַכסן הויז נאך הויז:

דער האט ציגל, ליים געטראגן,
דער — די ווענט צונויפגעשלאגן —
אין אַ הייזל שפּראָצט אַרוים!

און דאס לעבן הערשט שוין ווידער!
און פון האַנדל דאס געררודער
אויף דעם ערשט פאַרוויסטן ארט.
פריי דאס לעבן, דאס באַוועגן,
פול מיט ברכה, פול מיט זעגן.
הילכיק קלינגט אַ פריילעך ווארט
און אַ לידל דא און דארט...

□ □
□

31

איין וועג נאָר האָט דאָס צושטערן:
אום דאָס אַלטע אָפּצוקערן
עקזיסטירט דאָך נאָר איין פּלאַן;
ווילט איר עפּעס נייעס בויען —
וויל איעדער זיך נאָר טרויען,
זיין אידעע און זיין טאָן.

צו צוקלאַפּן ד'אַלטע געטער,
און צוברעכן זיי אין שטיק,
די מזבחות צו צושטערן,
ד'אַלטע טעמפּלען איבערקערן
איז נאָך האָס געווען גענוג...

מיט איין האַרץ און איין נשמה
אין דער הייליקער מלחמה
האָט געריסן יעדע האַנד:
דער באַגער יענס צו פאַרניכטן
האָט פאַראייניקט אַלע שיכטן,
אַלע קינדער פון דעם לאַנד
אין איין פעסטער, שטאַרקער וואַנד.

נידער, נידער!... אַלץ צוטרעטן!...
דאַרף מען בעטן אָדער ניטן

ווען אַיעדער פּיהלט עס גלייך?...
דאַרף מען פּלענער, גרויסע קענער,
ווען פאַר איינעם קומען צענער
צו פאַרניכטן ס'אַלטע רייך?...

ריין דאָס פעלד פון אַלע דערנער,
ריין פון יענע בייזע קערנער,
וועלכע ברענגען סם און פּעסט.
עפּעס נייעס דאַרף מען זייען,
נייעס לעבן זאָל ענטשטייען —
ריין און זויבער, שיין און פעסט.

עפּעס נייעס דאַרף מען טוען,
נייע בלומען זאָלן בליען,
נייער בוים און נייעס בלאַט,
אנווייזן די נייע וועגן
צום געווינשטן גליק און זעגן
פאַר דעם כלל און פאַר דעם פּרט.

און אַ האַגל נייע פּלענער
יעדער — מעכטיקער און שענער,
יעדער — פאַר דעם פאָלק אַ גליק.
יעדער וויל די „ברידער" פירן
צום גן־עדן'ס שיינע טירן
מיט זיין ניי־געפּלאַנטער בריק...

32

אין אַ קורצער ווײַלע
האָבן אָפּגעבליט די רויזן —
נאָר די שטעכעלקעס געבליבן...
אויסגעלאָשן די פֿאַקעלן...
און דעם העלן ברען און פֿלאַקער
האָט אַ בייזער ווינט צוטריבן...

די טראַמייטן, וועלכע האָבן
אונז געוועקט צום נײַעם לעבן,
נײַעם מוט אין האַרץ געגאָסן —
זענען שטום און טויב געוואָרן...
דומפּע קולות... בייזע גרילצן...
פּעך און שוועבל אין דער לופֿטן...
שרעקן קוקן פֿון די אויגן...

מיט דעם „שופר של משיח"
האָבן זיך גענומען בלאָזן
רוצחים פֿון די ווילדע וועלדער
און גערופֿן צו דער „סעודה"
ווילדע חיות, שוואַרצע פֿייגל,
שלאַנגען גיפֿטיקע און מאַוסע...

מיט די פאַקעלן די ריינע
האט מען טעמפּלען אנגעצונדן
און געבראַטן „ברידער־מענשן"...
ביי די העלע רויטע פלאַמען
האט מען רויב געטיילט מיט לידער
און געמאסטן פרעמדע קליידער...

מיט דער פרייהייט־שווערט דער שאַרפער
האט מען קינדערלעך געקוילעט,
צאַרטע הענטאַלעך געשניטן...
און פון די צוקלאַפּטע קייטן —
צוועקעס שאַרפע אויסגעקאָוועט
אין די שאַרבנס זיי צו דריקן...

פון די דעקארירטע בימהנעס,
וואו די קעמפער פאַר דער פרייהייט
האבן טרייסט און פרייד געפּרעדיקט —
האט צום הימל זיך געטראָגן
אַן אַקאָרד פון שאַרפע קללות,
שפּאָט און שכּורע געלעכטער
פון צולאָזטע בייזע מאַנסטערס...

אויף דעם גאָלדן־רויטן הימל —
שוואַרצע וואָלקן זיך געזאַמלט

און פֿאַרדעקט די זון די שיינע...
און עס קרעכצט די ערד אין שרעקן,
ווי אַן אַלטע טרייע מוטער
ווען זי פֿילט אַן אומגליק קומען...

קיינער ווייסט ניט וואו'ז דער שונא,
ווער פֿאַר וועמען זאָל אַנטלויפֿן:
אט קומט, געהט, אט שווימט אַ פֿייער,
און מען ווייסט ניט ווי צו לעשן...
שוועבט אַ רֵיח פֿון בלוט און טרערן,
אן אַ מיטל זיך צו וועהרן...

33

מיט אַ זיסן צויבער־שמייכל
ווי אַ שיינער מעטעאר
איז קערענסקים צייט פֿאַריבער
ווי דאָס ערשטע ליבעס־פֿיבער
מיט טראָמייטן,
פּויק און פֿלייטן,
מיט געזאַנג פֿון ענגלען־כאָר.

אַלע פֿעלקער, ווי די ברידער,
איינגעשלאָסן זעל און גלידער,
האָבן לוסטיק טריומפֿירט,
פֿון דעם גרויסן גליק ווי שכּור!
פֿון די האַרטע, בייזע דריקער
די באַפֿרייטע,
ווי באַנייטע,
זיך מיט קראַנצן אויסגעצירט.

שונאים — זיך די הענט געגעבן
און געשוואָרן ליבן טריי
די געטריבענע, געיאָגטע,
די פֿאַרפֿאַלגטע, די געפּלאָגטע
די צעזייטע,

די צושפּרייטע
צו זייער היים געלאָפן פריי.

ווייניג האט דער „מאַי" געדויערט!
אים האט באַלד באַטריבט, פאַרזויערט
נייער ברידערליכער קריג...
אומגעשטורצט די צויבער־שלעסער!...
ווידער הערשן שווערט און מעסער,
בייזע שנאה,
שאַרפע קנאה —
און דער בנין פאַלט אין שטיק...

ווי אין אַלטן דור־הפלגה
די לשונות זיך צומישט:
פון דעם הויכן, שיינעם טורעם
דער — קיין מזרח, דער — קיין דרום,
ווי פאַרזויפן,
דער — קיין צפון —
קיינער ווייסט קיין דרך נישט...

האַנט־ביי־האַנט מיט יובלטענער
ערשט געטראָגן ציגל, שטיינער
און געגראָבן און געבויט —

שטייט מען שוין געטיילט אין רייען:
פון צוויי ברידער — הבל, קין,
דער מיט דריקעס,
דער מיט פיקעס,
אין דער מיט שוין טאַנצט דער טויט...

און פון צענדליקער קאלירן
אויף אַיעדן וועג מאַרשירן
נייע אפּפער פאַר דער שווערט:
נייע לאזונגען און שבועות,
נייע גליקן און „ישועות",
„אוקראינא"
„געטמאנשטשינא"
„פעדעראַציא"
„רעסטאווראַציא"
פאַר דעם פאלק די מאַכט און ערד —
ביז דאס לעבן ווערט צושטערט ..

□ □
□

34

וועז די שטיפמוטער האט פלוצים
זיך פארוואנדלט אין א פריינד,
מיט א שמייכל צו דעם אידן
זיך געווענדט — אך, ווי צופרידן
האט דאס פנים זיינס געשיינט!
האב און לעבן
וויל ער געבן
פאר דעם בליהענד שיינעם היינט!

אן פריקאזן, אן באפעלן,
נאר מיט יובעלדיקע זעלן
האבן אידאלאך געשיקט
זיירע קינדער אין די רייען,
קעמפן פאר דעם לאנד דעם נייען,
מיט געזאנגען, טענץ און קלאנגען
פאר דעם פירער זיך געביקט,
פאר א לאסקע
אן א מאסקע
טיף באפרידיקט און באגליקט.

משה שלייען האט מיט פריידן
אויך געבענשט זיין דריטן זוהן

פאַר דעם פאטערלאַנד דעם נייען,
הייסגעליבטן, ריינעם, פרייען,
פאַר זיין בליען
פאַר זיין רוען
ס'יונגע בלוט צו גיסן קיהן.

מיט געפיל פון שטאלץ און פריידן
זיינע בריוולאך ווייזט ער יעדן,
ווי זיין ליבער יונגער העלד
שפאַנט מיט אַלע אין די שורות,
ווי מיט העלדנמוט און גבורות
זיך ערווארבן
לויב און לארבן
אויף דעם שיינעם עהרן־פעלד;
ווי די נייע פרייע בירגער
ווייזן העלדנטום און מוט,
מ'שונא יאגן,
דריקן, שלאגן,
ווייל די ליבע איז די רוט...

□ □
□

35

שנעל דער נאָמען אָפּגעקלונגען,
ליבעס־פֿראַזן — אָפּגעזונגען
און פֿאַרשוואונדן ווי אין טרוים...
נייע ווינטן בלאָזן, ווייען
נייע שטראָמען ברויזן, דרייען —
און נישטאָ איז שוין דער בוים...

נייע פֿאָנען וויעיען, פֿליען,
נייע שטערן בלישטשען, גליען,
ציען מיט זייער גלאַנץ דאָס פֿאָלק...
נעכטן ערשט — געפֿלאַמט, געפֿלאַקערט,
היינט — צוגראָבן און צואַקערט:
איצט וועט קומען דער ערפֿאָלג!...

נייע געטער און כּהנים
אין אַ היכל גאָר אַ פֿיינעם
מאַכן גאָר אַ ניי געזעץ.
און לוויים אויף טראָמייטן
שפּילן סקאַצלקומט אַ ברייטן
דעם „משיח" מיט דעם „קץ"...

ווער עס וויל פֿון גליק געניסן,
זאָל די נייע פֿאָן באַגריסן,

מיט די נייע פירער געהן;
מיט דעם אַלטן זיך צושיידן,
זיך אין נייע פאַרבן קליידן,
מיט די נייע דינים געהן...

טריי איז משה'ס זוהן געבליבן
דעם, וואס ער האט אויסגעקליבן,
ד'אַלטע פאן געהאַלטן פעסט.
ניט געוואלט זיין שבועה ברעכן,
מ'כבוד פון זיין העלד פאַרשוועכן
אן אַ קאַמף און אן פראטעסט.

אין די טונקלע קאַזעמאַטן,
פון באַוואפענטע סאלדאַטן
ליגט ער איצטער פעסט באַוואַכט.
פון דער פרייער וועלט דער שיינער
ברענגט קיין גרוס צו אים ניט קיינער,
אין אַ טונקלען לאך פאַרמאַכט
ליגט ער דארטן טאג און נאַכט...

□ □
□

36

פֿעסט פֿאַרשלאָסן איז די תּפֿיסה,
וואַך די וועכטער בײַ די טױרן.
יעדעס האָט דאָרט פֿעסט זײַן סוד.
ווער עס טרעט די שוועל אַריבער
לאָזט נאָך זיך קײן שפּור ניט איבער —
פֿאַר דער גאַנצער וועלט ווי טױט...

שטיל און קאַלט די ווענט די שטאַרקע;
דיק די גראַטעס בײַ די פֿענסטער;
הויך דער פּאַרקן ביז צום דאַך.
נאָר אַ שטיקל בלויער הימל
בליקט אַרײַן אין נאַסן שימל
און באַלײַכט אים גרוי און שוואַך.

וויפֿיל טרויעריקע בליקן
אויף דעם ברעקל הימל קוקן
פֿול מיט קללות און געוויין!
וויפֿיל שווערע לעבנס־דראַמעס
האָבן שוין די דלת־אַמות
דאָ זיך אָפּשפּילן געזען!...

צו דעם שטיקל גרויען הימל
האָבן זיך געטראָגן זיפֿצן

פון פאַראורטיילטע צום טויט,
הייסע גריסן — דער געליבטער,
תפלות וואַרמע פאַר אַ מוטער
און אַ שיידונגס־טרער דער ברויט...

ניט איין מאָל קלינגט דאָרט אַ שטימע,
ווי אַ האַרפּע אויף דעם ווינד:
צאַרט און ווייך — צו ליבע קינדער,
דעמוטיק — צום אַלטן פאָטער,
שטיל — אַ ודוי פאַר די זינד.

אָפטמאָל דונערט דאָרט אַ קללה,
לעסטערונג און שאַרפער אורטייל
גאָט, דער מענשהייט און דער וועלט
מיט איר וואַקלענדיקן „אמת",
מיט די בלוטיקע „געזעצן",
מיט איר האַרטקייט, מיט איר קעלט...

נאָר פאַרשלונגען אין דער שטילקייט,
ווי דאָס צווירקען פון די גרילן
ווערט דאָרט יעדער מענשליך וואָרט...
טויב און שטום די נאַסע שטיינער...

פֿון דעם הימל ענטפֿערט קיינער...
שטיל די שטערן אויף זייער אָרט.

נאָר די וועכטער ביי די טירן
ווי די ש א ט נ ס דאָ שפּאַצירן,
אַלץ פֿאַרשלינגען, ווי דער ת ה ו ם.
וואָס עס טראַכטן זייערע ג׳הירן,
וועלכעס קאָן די הערצער רידערן —
פֿרעג דעם טיפֿן קאַלטן ים...

□ □
□

37

משה שלייען האט די בשורה
פֿון זיין ליבן קינדס אַרעסט
אויסגעהערט מיט שרעק און ציטער,
אים באַדויערט שווער און ביטער
און באַשלאסן דרייסט און פֿעסט
אויסזוכן דעם שונא׳ס נעסט
און ערקלערן אַ פּראטעסט.

ווי אַ שאטן האט געבלאנדזעט
פֿון איין טורמע צו דער צווייטער
משה לאַנגע, לאַנגע טעג.
קיינער ווייסט קיין ראַט צו געבן,
קיינער קאן דעם פֿארהאַנג הייבן,
ווייזן אים דעם רעכטן וועג.

ווי אין יענע בייזע צייטן,
זעהט ער יעצט פֿון אַלע זייטן
טורמעס, טורמעס אן אַ צאל...
מענשען פֿילן דארט אין צעלן,
זעהען ניט דעם טאג דעם העלן,
הפקר, עלענד — ווי אמאל...

ניַיע בוימער, ניַיע פּירות,
ניַיע דינים און עבֵירות,
נאָר די צרוֹת — אַלע אַלט:
ווי די הערשער זאָלסטוּ דענקען,
נאָך קיין בעסערן ניט בענקען...
ווען די מאַכט בייט איר געשטאַלט —
בייט דיין פּרצוף גיך און באַלד!...

פרייע רעדע — נאָר צוּ שווייגן...
אוּנבאַרירבאַרקייט — אין שטייגן...
פרייע דרוּק — דער תּליה־שטריק...
פרייע וואַלן — אַרבּים פוילן...
פריי פאַרזאַמלוּנג — אוּנטער קוילן,
ווי מיט טויזענד יאָר צוּריק...

משה קוּמט צוּ די „באַפרייער".
פאַר אַ וואָרט — פלאַמט אויף אַ פייער,
פאַר אַ ביטע — כאַפּט ער קלעפּ...
אַ געלעכטער זיַינע טרערן,
וויל ער איינעם וואָס ערקלערן —
וואַרפט מען אים פון אַלע טרעפּ...

נאָר אַ פאַטערס האַרטער ווילן
קאָן די שטאַרקסטע כוואַליעס שטילן,

דורכשלאגן די גרעבסטע וואַנט.
פֿאַר זיין קינד — דאס לעבן שטרעקן,
איבערטראגן אַלע שרעקן,
און אַ ליב—רחמנות וועקן,
מיט זיין שוואַכער, קראַנקער האַנט
רודערן דאס גאַנצע לאַנד.

און די פֿעסט פֿאַרהאַקטע מוירן
האבן אים זייר סוד פֿאַרלוירן:
„אין מיין שוים ליגט איצט דיין קינד.
„ניט איין מאל האט ער מיט טרערן
„אונז געלאזט דיין נאמען הערן —
„אייל, ס'איז צייט נאך, קום געשווינד...

□ □
□

38

אַך, אַנטלויף, אַנטלויף פֿון דאַנען
וואוהין די פֿיס נאָר דיינע שפּאַנען,
פֿון דעם שוידערליכן אָרט!
זעסטו אַלע שוואַרצע שטיינער —
דאָס איז בלוט און מענשען־ביינער:
טויזענד לעבענס וויינען דאָרט!...

ווער עס קומט אַהער מיט גלויבן,
מיט אַ זעל פֿון גאָט דערהויבן,
מיט אַ קינדיש־לויטער האַרץ;
ווער עס טראָגט אין זיין נשמה
נאָך אַ האָפֿנונג אויף נחמה —
וועט דאָרט ווערן פֿינסטער־שוואַרץ.

אויב עס לעבט אין דיר אַ ווילן
אין דיין ברוסט דאָס גיהנם שטילן —
אַך, אַנטלויף, אַנטלויף געשווינד!...
דיין ערשיינען וועט נאָר מאַכן
שווערער נאָך אין טויזנד־פאַכן
אַלע ליידן פֿון דיין קינד...

□ □
□

39

װען די הויכע שוואַרצע טוירן
האָבן אונטער זײַנע פּלייצעס
מיט אַ סקריפּע זיך פֿאַרמאַכט,
האָט אַרומגעכאַפּט אַ שוידער
זײַנע גלידער, און זײַן פּנים
איז פֿון שוויים געוואָרן פֿײַכט.

און אַ בלײַען־שווערע שטילקייט
האָט געקאָוועט זײַנע גלידער
אין פֿאַרקילט דאָס בלוט אין אײַז;
רויטע פֿײַערדיקע פֿונקען
טראָגן זיך פֿאַר זײַנע אויגן,
ווי אין רעדל, סנאָפּים־וויַיז.

צי איז ער געשטאַנען יאָרן,
גאַנצע שעה׳ן, צי מינוטן —
דאָס האָט משה ניט געפֿילט:
ס׳האַרץ האָט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן
אין דער ברוסט—געפּרעסט דער אָטעם
נעבל האָט זײַן מוח פֿאַרהילט.

נאָר אַ קרעכץ אַ שווערער, לאַנגער,
ווי אַ וועה־געשריי אַ טיפֿער,

האָט די שטילקייט אויפֿגעוועקט,
אין דער שטילער לופֿט געקויקלט,
זיך געצויגן און געפֿלאַטערט —
אין דער לענג און ברייט געשטרעקט...

מיט אַמאָל — פֿון אַלע זייטן —
פֿון די פֿענסטער, פֿון די טירן,
פֿון די קעלערס, פֿון דעם דאַך,
פֿון די שטיינער, פֿון די פּלויטן,
פֿון דעם גאַנצן הויז דעם טויטן,
פֿון די גריבער, פֿון דער וואַך,

האָט אַ שפּריץ געגעבן קולות,
ווי די ברויזענדיקע כוואַליעס
פֿון אַ שטאַרקן וואַסער־פֿאַל,
און פֿאַרגאָסן מיט יללות
אַלע ווינקלען פֿון דער פֿעסטונג
ביז צום פֿינסטערן פּאַדוואַל.

קולות ריטמישע און ריינע
ווי פֿון וויינענדיקע תּפֿלות
פֿאַר אַ געטליכן אַלטאַר,
ווען אין האַרציקע ווערטער

גיסן זיך פֿון דער נשמה
טיפֿע ווייטיקן און צער.

דומפּע קולות פֿול מיט יאוש,
מיט פֿאַרצווייפֿלונג, מיט אַ פֿראַגע,
מיט הכנעה, פּיין און שרעק;
פֿול מיט בייסענדיקער שנאה,
מיט אַ שניידענדיקער קללה
ווי די שווערע שאַרפֿע העק...

□ □
□

40

ווי ערשיטערט פֿון אַ דונער,
צאַפּלענדיק מיט יעדן אבר,
האָט זיך משה אויפֿגעוואַכט
און געקוקט מיט שטאַרע אויגן
אויף די שרייענדיקע שטיינער
פֿול מיט מורא און פֿאַרדאַכט.

אויפֿגעוועקט ווי פֿון אַ דרימל,
האָט דאָס הויז געטון אַ גענייץ —
ווייט צופּראַלט אַ ברייטע טיר,
און אַ גרופּע שוואַרצע מענשן;
ווי אַ מחנה שוואַרצע שדים
אויסגעשפּיגן זיך פֿון איר.

צווישן זיי, די הענט געבונדן,
טיף דעם קאָפּ צו דר'ערד געבויגן,
שלעפּט זיך קוים אַן אַלטער מאַן:
שוואַרץ דאָס פּנים, קרום דער רוקן,
צוויי פֿאַרשטאַרצטע אויגן קוקן,
לאַנגזאַם, ציטערדיק דער שפּאַן...

פֿול מיט מיטלייד, מיט רחמנות
האָט זיין האַרץ געטון אַ ציטער

פֿאַר דעם טרויריקן געשטאַלט.
און אַ קראַפּט האט אים געצויגן
נענטער צו דער שוואַרצער מחנה
מיט אַ שטורמישן געוואַלט...

אויב די קולות פֿון דער טורמע
גרייכן ביז די ווייטע שטערן,
ביז דעם טיפֿקייט פֿון דער ערד —
האבן איצט צוויי נייע קולות
אַלעם, אַלעם איבערשטיגן —
ווייטער, טיפֿער זיך געהערט!

„קינד מיינס!...״—„פֿאטער, ליבער פֿאטער!...״
נאך די שוואַרצע בייזע שדים
האבן זייער געשריי געשטילט:
ווי די רוצחים אויף דעם פֿאטער
האבן איינע זיך געווארפֿן
און געשלאגן שווער און ווילד...

און די טורמע האט געהודט
און געוויינט מיט טויזנט קולות
און געזונגען און געקלאגט —
פֿאַר די הייליקע נשמות,
נאך אומשולדיקע קרבנות
קדיש יאמערליך געזאגט...

41

ווען צובראָכן און פֿאַרבלוטיקט,
מיט אַ שמערץ אין יעדן אבר,
האָט זיך משה שווער ערוואַכט —
איז דער הויף געווען ליידיק,
און די טורמע האָט געשוויגן
ווי פֿאַרגליווערט, ווי פֿאַרטראַכט...

מיט די לעצטע שוואַכע כּחות
לויפֿט ער ווייטער, ווייטער, ווייטער —
נאָך די שפּורן פֿון זיין קינד,
נאָך די העלע רויטע פֿלעקן,
וועלכע לייכטן, ווי רובינען
אויף דער שוואַרצער ערד, ווי טינט.

גיכער, גיכער... כאָטש איין רגע,
איין מינוט זיין ליכטיק פּנים,
זיינע טייערע אויגן זעהן!...
כאָטש איין וואָרט פֿון אים נאָך הערן,
מיט איין בליק זיין זעלע שטאַרקן
נאָך איין שפּאַן אין איינעם געהן!...

ביי די פּלויטן, אין אַ ווינקל,
וואו עס ענדיגט זיך די טורמע,

שטייט אַ גרופּע שוואַרצע לייט...
משה לויפֿט אַהין מיט ציטער,
רופֿט זיין קינד מיט צאַרטע נעמען,
שרייט און רופֿט אים פֿון דער ווייט.

נאָר אַ טייוולישעס געלעכטער
ברענגט דער ווינט צו זיינע אויערן
ווי דאָס בילן פֿון אַ הינט...
און אומזיסט אין זיירע רייען
זוכט דער אומגליקלעכער פֿאָטער
כאָטש אַ שאָטן פֿון זיין קינד...

דאָרטן, ביי דעם הויכן פּאַרקן
ליגט שוין שטיל זיין יונגער קערפּער
מיט אַביסל ערד פֿאַרשיט...
און דעם פֿאָטער איז געבליבן
פֿון זיין יונגן זוהן אַן אנדענק —
א פּאָר טראָפּן וואַרעם בלוט...

□ □
□

42

דאָרט זעסטו אַ בוים
נישט ווייט פֿון דער צוים —
מיט פֿרוכט ערשט באַהאַנגען געוועזן:
זיין מעכטיקע קרוין —
פֿאַר יעדן פֿאַרשוין
אַ שוץ פֿאַר דעם וועטער דעם בייזן.

פֿון פֿויגל־געזאַנג
אַ פֿריילעכער קלאַנג,
פֿון רֶחות אַ כוואַליע געגאָסן,
פֿון רעגן, פֿון היץ
האָט דאָרטן אַ שוץ
נישט איינמאָל אַ מידער גענאָסן.

האָט איינמאָל אַ בליץ
דעם בוים ביז צום שפּיץ
פֿאַרברענט און די צווייגן צושמיסן...
פֿון יענער מינוט
מער בליט ער שוין נישט
און וועט פֿון קיין פֿרייד שוין נישט וויסן.

זיין שטאָם איז נאָך פֿעסט
צום באָדען געפּרעסט —
זיי וועלן זיך לאַנג נאָך ניט שיידן,
נאָר טרויעריק שטום
איז אַלעם אַרום —
אויף אייביק אַוועק דאָס גן־עדן!...

□ □
□

43

משה לעבט . . . אין האַרץ אַ קבר,
פֿול מיט ווייטיק יעדער אבר —
אַך, ווי בענקט ער נאָך דעם טויט ! —
נאָר די שטימע פֿון דעם לעבן
הייסט אים טוען, לויפֿן, שטרעבן —
שאַפֿן פֿאַר די קינדער ברויט . . .

איינזאַם טראָגט ער זיינע ליידן
פֿון דער גאַנצער וועלט פֿאַרבאָרגן,
ווי אַ שווערן בליי אין האַרץ.
ס'רוהט זיין טרויער ניט קיין רגע,
קיין מינוט ניט שטילט דער ווייטיק
און עס מאַכט זיין לעבן שוואַרץ.

נאָר די שוואַרצע נאַכט די שטומע
איז זיין בעסטער פֿריינד געוואָרן —
זיין נשמה — און די נאַכט . . .
ווען דאָס ליכט ווערט אויסגעלאָשן,
ווערט אין פֿינסטערקייט פֿאַרשלונגען
אַלעס, נאָר זיין קומער וואַכט . . .

דאַמאָלס גיסט ער טייכן טרערן,
שטרעקט די הענט צום שוואַרצן הימל —
שיקט אַהין זיין פֿלוד און צער . . .

דענסטמאל קומען זיינע קינדער
אַלע דריי, מיט בלוט באַגאסן,
ווינקען מיט די מאטע אויגן,
קלאגן — נאר ווי אפּגעבאַר . . .

משה רופט זיי ביי די נעמען,
פיהרט מיט יעדן זיסע רעדעס,
טרייסט זיי אין זייר שווערן גאַנג;
גיסט פאַר זיי אויס זיין נשמה,
ווייזט זיי זיינע טיפע וואונדן,
קושט און גלעט זיי שטונדן־לאַנג . . .

ווען דער טאג הויבט אן צו גרויען
און די ערשטע מארגן־שטראַלן
שפּילן אויף די שוואַרצע ווענט —
טרעטן אפּ די שוואַרצע שאטנס . . .
מיד פאַרמאַכט ער זיינע אויגן,
וואו אַ טרער אויף יעדן ברענט.

און ער האַנדלט און ער וואַנדלט,
שאַפט פאַר זיינע ווייב און קינדער
יעדן טאג זייר טעגליך ברויט,
שיצט זיין הויז פון נייע צרות,
היט זיין פרוי און זיינע טעכטער
אפּ פון דאגות און פון נויט.

44

שיין און רייך איז אוקראַינע!
אירע סעדער, פרישע, גרינע —
גלעטן, לאַסקעווען דאָס אויג.
ווי אַ כּלה יעדעס הייזל
שטייט באַהאַנגען מיט גירליאַנדעס,
און אין בלומען — יעדער טאָג.

פרוכטן זיסע — פול דיביימער,
און פון יעדן קלינגט אַ זמר
פון אַ רייך געפליגלט כאָר.
טייכן זילבערנע רינען
און אַרום די בערגלעך שפּינען
אויס אַ זילבערנעם אוצר.

אַנגעטון אין גאָלד די פעלדער,
און די סאַמעטענע וועלדער
ציען מיט זייער צויבער־שיין.
רחות זיסערע פון צוקער
גיסן זיך און מאַכן שכּור,
ווי דער שטאַרקסטער אַלטער וויין.

אויף די זיידן־גרינע לאָנען
שאָף און רינדער פריילעך שפּאַנען

ביז צום האַלדז אין טיפֿן גראָז.
און די שעפֿער־הינט זיי היטן
אויסגעצויגן אין דער מיטן
מיט דעם אויג פֿון אַ באַלבאָס.

אין די בלאָע ווייטע הייכן,
קוים זיי מיט דעם אויג צו גרייכן,
קרייזן פֿייגל הין און הער׳
זוכן מיט די שאַרפֿע אויגן,
און ווי פֿיילן פֿון די בויגן
פֿאַלן אויף די פֿעלדער שווער.

ליכט און שיין און גליק און זעגן
זעהט דאָס אויג אויף אַלע וועגן —
אַז עס שמעלצט דאָס האַרץ פֿון פֿרייד!
ס׳וויל זיך מיט די שעפֿלעך שפּרינגען,
מיט די ווילדע פֿייגל זינגען,
קושן יעדעס בלימל גרייט.

און די נעכט די קיהלע, שיינע,
ווען די הימלען טיפֿע, ריינע
בלישטשען מיט מיליאָנען ליכט!

װען די זיסע נאַכטיגאַלן
װאַרפֿן זילבערנע שאַלן
און דער װינט קושט דאס געזיכט!

ס'דוכט זיך, אונטער אירע הימלען
װייסט נימ קיינער פֿון קיין טומלען —
פֿריד און פֿריידן הערשן דארט!
אין דעם ערדישן גן־עדן
װייסן מענשן נימ קיין ליידן,
פֿון קיין בייזן טאַט און װארט...

□ □
□

45

אט אויף דעם געבענשטן באדן
האבן דערנער זיך צוואוואַקסן
און צובליט זיך ברייט און שטאַרק;
איבער אוקראַינעם פעלדער
טיף פאַרשפרייט אַ נעץ מיט ווארצלען
און פאַרפלאכטן טאל און באַרג.

פון כמעלניצקים ביימל צווייגן...
פון די שוואַרצע לוצאַרם קינדער,
וואס אין יענע אַלטע טעג
האבן איבער אוקראַינע,
איבער טויזענד־טויזענד אידן
זיך געמאַכט פון בלוט אַ וועג...

איבער אט די שטילע פעלדער,
בונטע לאַנען, גרינע וועלדער
האט צוטראגן זיך אַ שאַל:
„אייניקלאַך פום אַלטן גאַנטע,
„שנעל צוואוויקלט איירע פאהנען,
„שאַרפט די מעסער און די שווערדן
„קומט מיט כלי־זמר אויף אַ באַל!"

„מעפּיסטאָפל וועט אייך פירן,
„עפּענען פאַר אייך די טירן
„צו אַן אייגן שטאַרקן רייך.
„רויטן וויין וועט איר דאָ טרינקען,
„פלייש פון יונגע קינדער עסן,
„באָדן זיך אין האָניק־טייך!..."

„וועט דאָס האַרץ אייך ווערן פרייליך,
„לידער רעשיקע זיך גלוסטן,
„ציען זיך די פיס צום טאַנץ —
„וועט אַ כאַראַוואָד פון מיידלעך
„אויף די קניעס פאַר אייך זינגען,
„פלעכטן פון די האָר אַ קראַנץ..."

„וועט איר וועלן ליומינירן
„אײַערע פרייליכע יום־טובים,
„אַז די נאַכט זאָל ווערן העל —
„ליגט דאָרט שטרוי אויף אַלע דעכער,
„טרוקן האָלץ — די טירן־פענסטער,
„טראָגט נאָר אונטער אַ פּאַקע'ל..."

און ווי אין די אַלטע צייטן
טראָגן זיך פון אַלע זייטן

גאנטעם ווילדע פֿייף און היק...
גלייך ווי פֿון די אַלטע קבֿרים
האבן זיך די שוואַרצע לוצארם
אומגעקערט אַהער צוריק.

איבער אוקראַינעם סטעפּעס
פֿליען ווידער הייד אַמאַקעם —
ס'ציטערט אונטער זיי די ערד...
איבער אירע שיינע בלומען,
אויף דעם ברייטן צויבער־טעפּיך
טאַנצן זיירע הייסע פֿערד.

□ □
□

46

צווישן אַלטעגליכע זאָרגן,
צווישן שווערן היינט־און־מאָרגן
אין די שווידערליכע נעכט,
איז פֿאַר משה'ן די ידיעה
פֿון די בייזע ווילדע ברואים
גאָר געקומען אומגערעכט.

טרייסל אָפּ פֿון זיך דעם קומער,
וואַך אויף פֿון דיין טיפֿן טרויער,
אָרמער משה, קוק זיך אום!
וואַרף אַוועק די פּוסטע זאָרגן,
וואָרן שפּעט וועט זיין שוין מאָרגן —
שונאים רינגלען דיך אַרום!...

ס'רוקט זיך אָן אַ שוואַרצע כמאַרע
אויף די שטילע בלויע הימלען —
פֿינסטער ווערן וועט דער טאָג...
גיכער, גיכער פֿליה פֿון דאַנען!
בלוט וועט פֿלייצן אויף די לאַנען...
אידיש בלוט... און טויט און קלאָג...

גלויב ניט אין די הייסע שבועות
פֿון די פֿאַלשע ווילדע בריאות,

גלויב ניט אין זייר הייליק ווארט!...
ניט די שוואַרצע סטעפּ־בערקוטן, (אדלער)
אנגעפּירט פון שוואַרצן שאטן,
וועט זיך אפּהאַלטן פון מארד...

נענטער, נענטער קומט די „לאַווא“...
ס'פלאַקערט, ברענט צו בלוט די תאוה...
לויף געשווינד, ווייל ס'איז נאך צייט!...
הארך! דיזעלבע לידער קלינגען,
וואס כמעלניצקעס האט געזונגען,
קוילענענדיק דיינע לייט...

„נאַשי וואַראַגי — פאַני טאַי זשידי...“
זינגען ווידער די קאַזאַקן,
גרייט צו שניידן און צו האַקן —
פול מיט טיפן האַס.
אויסגעוועפּט די שיינע דרשות...
די אידעען — אן ממשות
און די ברודערשאַפט — אַ שפּאַס...

יעדע מענשליכקייט — פאַרלוירן,
גלייך ווי אין אַ הייל געבוירן —
אן מאראַל און אן אַ גאט...

גלייך ווי אין די אַלטע קלויסטערס
האָט מען קיינמאָל ניט געפּרעדיקט
זיי פון ליבע דאָס געבאָט...

נאָר אומזיסט!... די אידן וואַרטן,
נאָך זאָל פון אַ שטיין אַ האַרטן
וואַסער קוואַלענדיקעס געהן...
האָפן, אַז די זון זאָל ווידער,
ווען עס פאַלט די נאַכט אַנידער,
אויף דעם הימל בלייבן שטעהן...

אידן וואַרטן אַלץ אויף נסים...
שיקן האָפנונגען צום הימל
און פאַרגעסן אין דער ערד...
דאַרטן זאָל מען פאַר זיי שטרייטן,
שיצן זיי פון אַלע זייטן
און באַהיטן פון דער שווערד...

ער, פאַרשטייט איר מיך, מוז לויפן,
האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן,
מאַכן עפּעס קאַפּיטאַל.
און זיין לעבן צו באַשיצן —
האָט גאָט דונערן און בליצן,

פון מלאכים דארט אַ חיל
אין אַ פייערדיקן זאַל...

„הכל תלוי...“ — וואסזשע טראַכטן?
אפשר וועט מיין מזל לייכטן
און מיך ראַטעווען פון שלעכטס...
און די ברידער? — טאַקע ביטער...
איז דער אויבערשטער זייר היטער.
ער קאן שענקען זיי אַ קרעכץ...

דער האט אייזערנע ריגל,
דער — אַ קעמערל אין שפיגל,
איינער — אַ פאַרמאַכטן פליגל,
און א טיפן קעלער — דער...
איינער האט אַ גוי אַ גוטן,
דעם — דער דאקטער אַ מחותן,
דער — אַ מורא׳דיק געווער...

יא, באוואפנט איז דאס שטעטל:
דא — אַ צוועקל, דארט — אַ ברעטל
דא — אַרומגעדרייט מיט דראט.
היינט די שוהלען, וואו גאטס תורה
וועט פאַריאגן שרעק און מורא
און באַשיצן מיט גענאד...

זים דער חלום... דאָס ערוואַכן
האָט ניט ג׳האַט צו זיך קיין גלייכן
מיט זיין גרויזאַמקייט און שרעק:
ווען דער טויט מיט זיינע פליגל
האָט געלייגט זיין שוואַרצן זיגל —
איז די האָפנונג גיך אַוועק...

מיט אַמאָל פון אַלע טווירן
קומען קולות אין די אויערן:
— די קאָזאַקן טראָגן טויט!...
וואו די פיס נאָר זיירע טרעטן —
שענדן, קוילען זיי און טויטן,
ס׳איז פון בלוט די ערד שוין רויט!...

„אידן, לויפט מיט אונז אינאיינעם!
„לאָזט ניט איבערבלייבן קיינעם!
לויפט, וויזוי איר שטעהט און געהט!..."
שפעט!... פאַרנומען אַלע וועגן...
בלייבט — זיך פאַר דעם גורל בייגן...
קייגן ביקסן, שווערד און דעגן
האָבן אידן נאָר — געבעט!...

□ □
□

47

קומט נענטער, איר „גרויסע" און „נאבעלע" לייט —
איר דארפט זיך ניט האלטן פון ווייטן:
איר דענקט, אז איר שטייט פארשטעלט ביי דער זייט,
פארדעקט איר אייער בונד מיט די קאטן?

מיר האבן אייער צורה גאנץ דייטליך געזען:
איר זענט אין סופליארקע געלעגן;
איר האט די קוליסן געהאלפן זיי דרייען,
געלערנט זיי ערנסט דעם „ניגון"...

דעם גרים זיי געשאפן, און דעם ריקוויזיט
געשיקט זיי פון ווייטן באהאלטן,
געבענשט די „ארטיסטן" צו שפילן דעם איד
א שטיק פון כמעלניצקין דעם אלטן...

אייער עלטערער ברודער, ביים פייער פון רוים
וואס זינגט אויף דער הארפע א לידל,
איז נאר א פארדארטער, א פרוכטלאזער בוים
און קומט ניט צו אייערן א גלידל.

זיין מערדעריש פנים ווערט רויט, ווי זיין בארד,
פאר בושה איז ענג אים אין קבר,

וואס איר האט געשלאגן זיין מעכטיקסטע קאַרט —
וואס פֿאַלשער איז אייער יעדער אבר.

ארטיסטן און שפּילער געווען שוין פֿיל
(מיט אידעאלן שפּילט יעדער גערן),
און קונצן באַוויזן מיט טעם און געפֿיל —
שוין מער ווי אין הימל איז שטערן.

אין פּארטוגאַל, שפּאַניען, איטאַליען און רוים,
אוי האט מען דארט סצענעס געשאַפֿן!...
אַ צווייג נאך אַ צווייג פֿון דעם אידישן בוים
געבראכן מיט פֿייער און וואַפֿן...

פֿון אידישע קרעכצן און קירכן־געזאַנג
האט דארט אַ קאַפּעליע געזונגען,
ווען אידישע לייבער,ביים גלאקן־געקלאַנג,
געלעקט האבן ברענענדע צונגען...

דאך, ווען פֿערדינאַנד זאל אַצינד געווען זיין —
וואלט ער מיט זיין פֿרוי איזאַבעלע
פֿון קנאה און בושה, פֿון צרות און פּיין
געפּלאַצט מאמענטאַן אויף דער שטעלע...

פֿון אידישע טרערן אַ מעסטל אַ גרויס
דרום קומט אייך פֿאַר אײַרע טאַלאַנטן.

און בלוט אויף צו פֿאַרבן די ווענט פֿון אייר הויז —
פֿאַר פורפור צום מאַנטל — פֿאַר קאַנטן...

צו רויטלען די באַקן אייר פֿרוי און אייר קינד,
פֿאַר וויין נאך אייר מאלצייט דעם פֿעטן,
צו וואַשן אייר קערפּער, וואס באדט זיך אין זינד,
צו אייר באַלדאַכין פֿון די בעטן...

די האַנד צו באַשפּריצן, וואס האט אַפּלאדירט
פֿון וויטן די מערדער—„אַרטיסטן",
די צונגען, וואס האבן דעם אַקט געדיקטירט
אַ פֿאלק אן אַ זינד צו פֿאַרוויסטן...

זאל ברענען דאס אידישע בלוט אין אייר האַרץ!
די אידישע קדושים אייך שרעקן!
אייר לעבן זאל אויבעט זיין פֿינסטער און שוואַרץ,
אייר לייד — קיין רחמנות ניט וועקן!...

□ □
□

48

שאַ—מעגעהט!... ס'קלינגען שפּאָרן...
ברייטע הויזן, ווי דאָס גלות.
רויטע וואַרקעס אויף די קעפּ...
מ'פֿירט אַ אידן — מ'ראש הקהלה...
משה זעהט — און ווערט ווי קאַלעך —
אַלע — גלייך צו זיינע טרעפּ...

„ערשטן ווילן האָט די „פּריצים"
„ברויט און האָבער פֿאַר די פֿערד.
„צווייטן — האָבן היגע אידן
„פֿון די בוידעמער און פֿענסטער
„מיט געווער אויף זיי געשאָסן:
„יעדער קאָזאַק האָט'ס געהערט..."

„לכן, אין אַ קורצער ווײַלע
„(צען מינוט וועט זיין גענוג)
„זאָלן אַלע „קוילנוואַרפֿער"
„ביקסן, שווערדן און האַרמאַטן
„ווערן אויף דעם מאַרק געבראַכט,
„ניט—ווערט פֿון דעם שטעטל שטיק!..."

בינדלאַך צרות, פּעק יסורים,
שרעק און ענדקייט און טרויער

וואלטן אידן פיל געבראַכט;
אבער ביקסן, פולעמיאטן
אדער אַנדערע געווערן —
דאס האט קיינער ניט געטראַכט.

ווייל געשאסן האבן אידן
נאר מיט שטראמען הייסע טרערן,
ווי האַרמאַטעס קלאפט דאס האַרץ,
דרום געקלאַפּט נאר מיט די ציינער,
זיירע שווערדן — דאַרע ביינער
און אליין — ווי קוילן שוואַרץ...

„אַך, איר טראגט ניט? וואַרט, פאַררעטער!
„וועט מען מוזן זוכן, שנארן
„און געפינען אַלץ אַליין!..."
און די ברוגזי'ע קאזאַקן
געהען זוכן מיט ראליעזן
וואו? — איז גרינג שוין צו פאַרשטיין...

אין די קאַסטנס, אין די טאַשן,
אין די שראַנקן, אין די טישן
אַך, געפינען זיי געווער!...
באמבעס—העמדער, שווערדן—שטיוול,

ביקסן — לעפל, שפּיזן — גאָפּל,
ביז די שטיבער ווערן לער...

ווען ביי איינע אין די טאַשן
ווערט געפונען ווייניג וואָפן —
שלאָגט מען: ווייזט באַלד דעם סעקרעט!
און צובלוטיקטע, צוקלאַפּטע
טראָגט מען ביז דעם לעצטן גראַשן
ביז דעם קישן פון דעם בעט.

□ □
□

49

שטיל, פֿאַרביטערט קוקן אידן,
ווי זייר גוטס און זייר פֿארמעגן
ווערט פֿאַרשוואונדן פֿון זייר הויז,
ווי די גראבע פֿינגער שלעפּן,
רייסן, ברעכן, וואַרפֿן, טרעטן
רוימען אויס פֿון קליין ביז גרויס...

נאך דער „בדיקה" האט ערשט יעדער
אין זיין הויז געמוזט „פֿאַרבעטן"
כאטש אַ פּאר צו זיך אויף ק ע ס ט:
זיי מ כ ב ד זיין, באַווירטן
מיט געקאכטס און וויין און ספּירטן,
ווי די טייערסטע ליבע געסט...

משה מיט זיין פֿרוי און קינדער
האבן צוגעגרייט באַזונדער
פֿאַר די ג ע ס ט אַ רייכן טיש:
וואס דאס האַרץ קאן נאר פֿאַרלאַנגען—
זיך געפּלייסט באַלד צו דערלאַנגען:
פֿלייש, משקאות, טארט און פֿיש.

פֿאַר איעדן זיסן ביסן
האט מען אים די בארד געריסן
און געשענקט אַ שווערן קלאפּ.

און די שווערד מיט אַ געלעכטער
האָט געקיצלט זיינע טעכטער
און געגאַלט זיין גרויען קאָפּ...

פון די אויסגעזויפּטע פלעשער
ברענען, פלאַמען זיירע אויגן
און די תּאווה זיך דערוועקט:
צו זיין ווייב און זיינע קינדער
האָבן זיירע שטאַרקע פינגער
ווי די שלאַנגען זיך געשטרעקט...

ס'ברענט די ליידנשאַפט, ווי פייער...
ס'בליצן די פאַרזויפטע אויגן
און דער אָטעם פלאַמט און בריהט...
צו די פרישע יונגע לייבער
ציהט און לאַכט אַ ווילדער כח
היצט די בליטן, קאָכט און גליהט...

ווי די שעפּאַלעך פאַרציטערט,
שטיין די טעכטער אין אַ ווינקל —
פול די אויגן מיט געבעט;...
ווי אַ קוואָטשקע אירע הינדלעך,
שיצט און דעקט צו אירע טעכטער
די באַ'צער'טע טרייע מוטער
מיט איר לייב און מיט איר קלייד...

50

אַך, עס העלפט ניט קיין געבעטן!...
גזלן ליגט אויף יעדן פּנים,
יעדער בליק איז פול מיט כעס...
אויף די ליפּן שוימט אַ פינע,
פול מיט פייער יעדע מינע —
אָן אַ שפּור פון מענשן־דעת...

ווי אַ לייכטעם שפּין־געוועבעכץ
ווערן אפּגעפּליקט די קליידער
פון דעם ציטערדיקן לייב...
און פון בושה און פון שרעקן,
לויפנדיק אין אַלע עקן,
ברומט און רעוועט משה'ס ווייב...

און די טעכטער!... ווי מיט פייער
האט געפּלאַמט, געבריהט, גע'שׂרפה'ט
זיירע לייבער יעדער ריהר...
הייסע, שטינקעדיקע סמאלע —
יעדער גלעט פון זיירע פינגער...
ווי דאס גיהנם — זייר קאליר...

ווי די שלאַנגען זיך געקארטשעט
אין די הענד פון די פאַרפאלגער

אוּן געביסן מיט די ציין . . .
מיט דעם לעצטן טראָפּן כּח
ש י צ ן זיי די ריינע לייבער,
רייסן, גראַבלען ביז צום ביין . . .

אוּן פֿוּן זיירע שוואַכע ברוסטן
רייסן קולות זיך צום הימל
פֿול מיט קללות אוּן געבעט . . .
ווער קען, טײַערע, אײַך באַשיצן? . . .
ווער זיין האַנד מיט הילף אויסשטרעקן
אין אייער גרויסער, טיפֿער לייד? . . .

□ □
□

51

משה וואַרפֿט זיך, ווי אַ גבור,
ברילט און רעוועט ווי אַ טיגער —
שטויסט איין מערדער פֿון זיין קינד,
ברעכט אין שטיק צוויי שאַרפֿע שווערטן,
קלאַמערט פֿעסט זיך אין דעם צווייטן —
ווערט פֿון צער און צארן בלינד...

אַרמער, אומגליקליכער פֿאטער!...
קאן איין איינציקער דען קעמפֿן
מיט שאַקאַלן ווילדע פֿיר?
קאן אַ שלאַפֿער דען פֿאַריאגן
פֿון זיין בעט דעם מלאך־המות
און אים וואַרפֿן פֿאַר דער טיר?...

מעג דיין כעס ווי פֿייער ברענען,
מעג דיין בליק ווי שפּיזן שטעכן
און פֿאַרטויבן — דיין געשריי;
מעג דיין צונג מיט גיפֿט באַשפּריצן,
פֿון דיין אטעם — ווערן בליצן,
וועט דיר דאך זיין וואונד און וועה!...

ווי צוויי אייזערענע קלאַמערס
האט אַרומגעכאַפּט זיין קערפּער

צוויי געזונטע גראָבע הענט,
און פּאָר זיינע אויגן... שפּער!
וואו איז ערגיץ דיין רחמנות?..
וואלט אַ מענש אַזוי געקענט?..

52

פלוצים האט די שטוב פֿאַרגאסן
ביז דעם דעק אַ רויטער מבול —
אַלע ווינקאַלאַך — מיט בלוט...
שטיקער בלוט—די טישן, בענקלעך...
כוואַליעס בלוט — די שאַפֿעס, בעטן...
חיות בלוטיקע אין מיט...

שווימען זיי אין רויטע כוואַליעס,
כאַפּן זיינע פֿרוי און טעכטער,
ראָלן זיך אין רויטע קנוילן...
טיפֿער... טיפֿער... ביז צום תּהום...
ברויזט אַ פֿייערדיקער וויכער...
וואַרפֿט אין רויטן אפּגרונד ביימער...
שלינגט זיי איין דער רויטער אפּגרונד...
אוי — עס פֿאַלט דער לעצטער בוים...

און די רויטע כוואַליעס שלאָגן...
בריזגעס פֿלאַמענדיקע פֿליען...
ס'קאַכט און זשומעט, רוישט און קראַכט...
און אַ ברויזענדיקער וויכער
האט געשטראמט אין זיינע אוירן —
פֿון דעם רויטן ים געבראַכט.

„ראַטעווע מיך, טייערע פֿאַטער!...
„אוי, עס טוט מיר שרעקליך וועה!...
„נעם דיר גיכער מיין נשמה —
„בעסער פֿון דיין האַנד צו שטאַרבן!..."
רייסן זיך צו אים געשריי.

משה ציטערט, ווי אין פֿיבער...
רייסט זיך מיט די לעצטע קרעפֿטן —
ברעכט און רייסט די שטאַרקע הענט...
נאָר פֿון אונטן, ווי אַ דונער,
האט אַ שטאַרקער קלאַפּ געגעבן...
פֿונקען פֿליען פֿון די אויגן...
צו דער ערד דער קאָפּ געבויגן —
אַלץ אין פֿינסטערניש פֿאַרבלענדט...

□ □
□

53

פֿינסטער איז אַרום געוואָרן . . .
אַלע קולות — אויסגעלאָשן . . .
שוואַרצע שטילקייט אומעטום . . .
ליבליך קלינגט די זיסע שטילקייט,
ווי מיט זילבערענע גלעקלעך.
און די זיסע ווייכע טענער
גלעטן, צערטלען זיינע ביינער —
כאַפּן פֿריינדליך אים אַרום . . .

ווי אַ שווערע האַרטע מ ש א
איז אַ ר אָ פּ פֿון זיינע פּלייצעס —
ווי אַ וואָלקן איז ער ג ר י נ ג . . .
און ער טראָגט זיך צו די וואָלקן,
צו די ריינע בלויע הימלען
פֿריילעך, קרעפֿטיק, לייכט און פֿלינק . . .

אַרום אים אין ווייסע קליידער
שוועבן ליכטיקע מלאכים,
ווי דאָס זאַמד און שטערן פֿיל,
זינגען וויינענדיק און בעטן,
קניען, און די פֿליגל שפּרייטן
פֿאַר אַ גרויסער בלויער שטול.

זים און טרויעריק דער ניגון,
פֿול מיט האָפֿנונגען און בענקען,
פֿול מיט שטילן טיפֿן יאוש, —
אַז די שלאָפֿענדיקע הימלען
הויבן אָן צו רעש'ן, טומלען,
און די קאַלטע שטומע שטערן
גיסן קוואַלן קאַלטע טרערן...
און אַרום די גאַנצע וועלט
כאַפּט אַרום אַ שרעק און קעלט...

און די שווערע קאַלטע טרערן
גיסן זיך אויף משה'ס שטערן —
טראָגן אים צו דר'ערד צוריק...
שנעלער, שנעלער פֿאַלט זיין קערפּער...
שווערער ווערן זיינע ביינער —
און אַן ענדע צו זיין גליק!...

ווידער רוישט אין זיינע אויערן...
עגבערס זיינע גלידער בוירן —
און עס עפֿנט זיך זיין בליק...
יאָ, עס וואָלט פֿאַר אים געווען בעסער
פֿון די וואַלקנדיקע שלעסער
זיך ניט אומקערן צוריק...

ניט געוועז נאך פֿול דיין בעכער
מיט יסורים און פֿורעניות —
גיב אַצינד דיין לעצטע טרער!
אויב אין דיר האט נאך געטליעט
כאטש אַ ברעקל פֿונק פֿון האָפֿנונג —
ווערסטו דאס ניט האבן מער!...

וועסט אין לעבן שוין ניט וויינען:
וועסט ניט האבן מער מיט וואס...
פֿאַר דעם טויט זיך מער ניט שרעקן
און זיך טרייסלען ווי אַ האז...
וועסט שוין מער אין גאר ניט גלויבן
און ניט זוכן קיין באַלבאס,
און אין גלויבן מער ניט האבן
קיין ענטוישונגען, קיין טעות...

□ □
□

54

זעהט ער דארט מיט זיינע אויגן,
זיינע לעבעדיקע אויגן,
אט דאס שוידערליכע בילד?
צי האט ער, פון צער און שרעקן,
זיין פֿאַרשטאַנד שוין גאר פֿאַרלוירן
און געווארן דום און בלינד?

אלא ניט — וואס שווייגט איר הימלען?
וואס צוּרייסט איר ניט די קליידער
און צופֿאַלט זיך ניט אין שטויב?...
פֿאַר וואס שרייען ניט די שטערן
און די זון מיט דער לבנה,
אַז די וועלט זאל ווערן טויב?...

פֿאַר וואס הודן ניט די וועלדער
פֿון די ווארצלען ביז די קראנען
און צופֿלאַצן ניט אין שטיק?
פֿאַר וואס ווערט די וועלט ניט פֿינסטער,
אַז אין טיפֿן דיקן חשכות
זאל דערטרינקען יעדער בליק?...

פֿאַר וואס וויינען ניט מיט טרערן
אַלע חיות, אַלע פֿייגל —

פֿון דעם אדלער ביז דער שלאַנג?
פֿאַר וואס ווערן ניט צושלאגן
אלע זינדיקע פלאַנעטן
און זייער ווייטן קרומען גאַנג?...

□ □
□

55

אין צוריסענע מלבושים
ליגט אין מיטן שטוב געקווילעט,
ווי אַ שעפּאַלע זיין ווייב...
אַלע פינגער — אפגעשניטן...
און מיט טיפע שוואַרצע וואונדן
איז באַדעקט דאס גאַנצע לייב...

אין אַ ווינקל ליגט זיין טאכטער:
ביידע ברוסטן אפגעשניטן...
אויסגבראכן אַלע ציין...
אירע שיינע שוואַרצע אויגן —
מיט אַ דעגן אויסגעשטאכן,
און צובראכן יעדער ביין...

און אַ דיקער שוואַרצער וואלקן
האט אויפסניי זיין מח פאַרטונקלט,
ס'שוואַכע האַרץ — געבליבן שטיין...
צו די פים פון די הרוגים
איז ער ווי אַ סנאפ געפאַלן
אָן אַ כליפּע, אָן אַ וויין...

□ □
□

56

דער הימל — פֿאַרמאַכט...
פֿאַרשיכּור'ט — די ערד...
דאָס גלויבן — געשוואַכט...
דאָס לעבן — צושטערט...

די זעלע — איז טויט...
און ווינשן — דאָס האַרץ...
און ענדע — די נויט...
און גרעניץ — דער שמאַרץ...

און לשון — די צונג...
דאָס אויג — און אַ טרער...
און אָטעם — די לונג...
אַ קרעכץ טון איז שווער...

פֿאַרלאָשן דאָס ליכט...
די וועגן — פֿאַרשטעלט...
דער נעבל — געדיכט —
אַ כאַאָס — די וועלט!...

עס ציטערט די ערד
פֿון וויין און געשריי...

וואס ס'האט נאר אַווערט —
צושמעלצט ווי דער שניי...

אַ שרעקליכער פלאַם —
ער שרפה'ט און ברענט...
אַ בלוטיקער ים
די מענשהייט פאַרלענדט...

משוגע און ווילד...
צובראכן די צוים...
צוריסן די שילד —
אוים צייט און אוים רוים!..

מיטן לעבן דער טויט
אין שכור'ן טאַנץ
ביים שפיל פון דער נויט
אין פיירינקן גלאַנץ...

□ □
□

57

משה לעבט . . . נאר ווען זיין מֹח
האט באַגרייפֿט דאס גרויסע אומגליק,
וואס ס'איז אין זיין הויז געשען,
אַז די טײַערסטע, שענסטע בלומען
פֿון זיין ערדישן גן־עדן
לעבן, בליען שוין נישט מיין;

האט אַן אומגעהײַערער שווידער
אנגעצונדן זיין נשמה
מיט אַ ברענענדיקן פֿלאַם,
און דאס בלוט אין יעדן אדער
האט געקאכט, געברויזט, געזאָטן
ווי פֿון שטאַרקן, שאַרפֿן סם . . .

אָן א היטל, נאַקעט, בארוויס,
זיינע ווייסע האר צובאַרשטן,
מיט אַ ווילדן שטאַרן בליק —
לויפֿט ער אויף די פּוסטע גאַסן,
גלייך ווי איינער וואלט געטריבן
אים פֿון אונטן מיט אַ דריק . . .

טויט און פּוסטע ליגט דאס שטעטל . . .
טירן־פֿענסטער — ברייט געעפֿנט —

ווי פֿאַרוואונדערט, ווי פֿאַרגאַפֿט:
גלייך זיי וואלטן וועלן פֿרעגן,
„צי איז חרוב אַלץ געווארן
און דאס לעבן — אפגעשאַפֿט?...“

□ □
□

58

וועו דאס פרישע מארגנלופטל
האט זיין הוילן קאפ באוויייעט —
האט זיין שכל ווי ערוואכט.
וואסזשע זעט ער? — טויטע גאסן...
שטומע הייזער... ווי די מתים
אויף א תפלה מיטער־נאכט...

ער באטראכט די טויטע פוסטקייט,
זוכט א לעבעדיקן מענשן,
קוקט זיך אום אויף יעדער זייט —
טויט און עלענד!... שטיל און ליידיק...
נאר חזירים ערגיץ גרינצלן
יעדער כריוקעט — עפעס קייט...

משה טרעט מיט מורא נענטער
און דערזעט פאר זיינע אויגן
עפעס גרויזאמעס און מאוס:
פון אן אידנס טויטן קערפער
רייסן הינט, חזירים שטיקער
פון דעם בויך און פון די פיס...

ווייטער — פירן א מלחמה
עטליכע חזירים פעטע

פֿאַר אַ קעפּל פֿון אַ קינד...
און דערנעבן שלעפֿט אַ הינטל
אַ צאַרט קינדעריש ווײַס הענטל
און אַנטלויפֿט דערמיט געשווינד...

ווײַ געשריגן! אַזוי הפֿקר
איז דעם אידנס לײַב געוואָרן,
אַז זײַן פֿלייש איז — פֿאַר די הינט?...
זײַנע טרערן — ווי פֿאַמאַיעס...
זײַנע תּפֿלות — ווי דאָס וואָיען
פֿון אַ נאַסן אָסיען־ווינט?...

וואָוזשע זענט איר, טאַטעס, מאַמעס,
וואָוזשע זענט איר שוועסטער, ברידער,
וואָס מע הערט פֿון אײַך קיין שטים?...
ווער איז מפֿקיר זײַנע טויטע?
ווער באַקלאָגט ניט זײַנע קינדער?
צי איז אַלץ שוין טויט אַרום?...

און ער שרײַט מיט אַלע כּחות,
קלאַפּט אין אַלע פֿענסטער־טירן
„די קדושים קומט באַהאַלט!...
„קומט אינאיינעם גראָבן גריבער!

„קלויבט צונויף די טויטע ביינער,
ווייל עס בלייבט פון זיי ניט באַלד!..

„חיות האבן זיי ערמאַרדעט,
„חיות ווילן זיי פאַרשלינגען
„לאזט ניט צו דעם לעצטן שאַנד!...
„שוואַך דאס לעבן צו באַשיצן
„קומט כאטש העלפן גראבן גריבער
„מיט אייער ציטערדיקער האַנד!..."

□ □
□

59

אן אַ היטל, נאַקעט, באָרוויס
לויפֿט ער פֿון איין הויז צום צווייטן —
צו דער טהרה רופֿט ער זיי...
פֿול רחמנות איז זיין שטימע,
פֿול מיט ווייטיק איז זיין וועקן,
פֿול מיט יאָמער זיין געשריי...

ווי די שטימע פֿון אַ נביא,
ווען ער זעט אַ גרויסן חורבן —
האָט זיין ביטער קול געקלונגען
און געוועקט די טויטע לייט...
און פֿון הייזער, פֿול מיט מורא
האָבן אידן זיך באַוויזן —
טויטע, בלייכע, ווייס ווי קרייד...

וואָס איז שטורם, בליץ און דונער?
וואָס איז רעש'ן פֿון די כוואַליעס
ביי דעם שטאַרקסטן צפֿון־ווינט,
קייגן די געשריי — געיאָמער,
האַרצרייסענדע וואָיען — רעווען
פֿון אַן אַלטן ביז אַ קינד?...

אויב דער „בעכער" פֿון די טרערן
איז נאָך ניט פֿאַרפֿולט געוואָרן,

צו דער „גאולה" פעלן נאך —
וואָרפּטזשע באַלד אַוועק די האָפענונג
אויף אַ הימלישער ישועה,
ווייל דער בעבער האט אַ לאך...

אויב דער הימל פון די קולות
איז פאַרציטערט ניט געוואָרן,
ניט פאַרלאָשן זיך די זון —
איז דאָרט אויבן פוסט און ליידיק,
און דער מענש מיט גאָר זיין גלויבן
האט די ווערט ווי פון אַ שפין...

איז אַייר הערשער איבער וועלטן
איבער מענשליכע נפשות —
נאָר דער בלינדער רויער כח...
און „גערעכטיקייט", „רחמנות",
„אמת", „יושר", „גאָט" און „גלויבן" —
נאָר אַ חלום, נאָר אַ רויך...

און דאָס לעבן פון דער מענשהייט —
אַ נאַטירליכער, נאָר צופאַל,
אַ פּראָדוקט פון צייט און רוים,
אָן שום קרבות מיט דעם הימל,
אָן השגחה, אָן אַן אָרדנונג —
נאָר אַ פוסטער שוואַכער טרוים...

60

אַך, ווען איך זאל קענען דעם הימל דעם ברייטן
מיט אותיות פֿון פֿייער באַשרייבן,
זיי זאלן אויף אייביק דארט בלייען, ווי קווייטן,
פֿאַר קומענדע דורות פֿאַרבלייבן,

אַז שפּעטער מיט הונדערטער, טויזנטער יארן,
ווען איינער וועט קוקן צום הימל
זאל לעזן וואָס דארט איז פֿאַרצייכנט געווארן
און ווערן פֿאַרצאַפּלט פֿון טומל —

וואלט איך מיט דעם פֿלאַם פֿון מיין הייסער נשמה
מיט ברענענדע ווערטער פֿאַרשריבן
די ווילדקייט פֿון איצטיקער גרויסער מלחמה
און ווער ס'איז דער זיגער געבליבן...

ווי לוסטיק די זון האט געשפּילט מיט די שטראַלן
אין מענשליכן בלוט זיי געוואַשן,
געשיינט די הזרים מיט גאלדענע זיילן
דאס פֿלייש פֿון די טויטע צו נאַשן...

ווי פֿריש די נאַטור האט געאטעמט מיט לעבן,
געשפּילט מיט אַ פֿרייליכן פֿייער,

ווען טרויעריק האבן דער ערד מיר געגעבן
דאס בעסטע, וואס ליב איז און טייער...

אַ חזן שטייט נאענט ביים אָפענעם קבר
אין טלית און קיטל אין ווייסן,
זיין קלאגליכע קינה צובּרעכט יעדער אבר...
די תפלות — די הערצער צערייסן.

דער באר איז — די פעטער, די ברידער און מיטער —
זיי העלפן די תפלות אים „זינגען"
און בעטן דער קבר זאל יעדן באַזונדער
באַגלייך מיט די טויטע פאַרשלינגען...

עס ציט זיך אַ שורה, אַ צווייטע, אַ דריטע
פון אַלטע און יונגע קרבנות...
מען ווארפט זיי אין קבר אן טהרה, אן מטה —
נישטא ווען צו מאַכן הֶכָנות...

מע לייגט זיי כסדר — איין קערפער צום צווייטן
אין לאַנגע, געטוליעטע שורות...
און יעדער וואלט גערן געוואלט זיי באַלייטן
אַהין אין די אייביקע דירות...

ניט איינער פאַלט לעבעדיק אויבעט אין קבר
פאַר'חלש'ט פון אַנגסט און פון טרויער...

אַ שרעק לויפֿט אַריבער פֿון אבר צו אבר,
די פּנימער — פֿינסטערע, רויער...

עס יאָמערט דאָס שטעטל פֿון איין עק צום צווייטן...
עס צאַפּלט און פֿלאַטערט פֿון וויינען...
עס גיסט זיך אַ טרויער צום הימל צום ברייטן —
נאָר דאָרט איז נישטאָ ווער ס׳זאָל ליינען...

□ □
□

61

דאָרטן אין די טיפֿע גריבער
ליגט מיט אַלע גלייך באַגראָבן
משה׳ס גליק און משה׳ס פֿרייד...
דאָרטן ליגט זיין ערשטע ליבע,
וועלכע האָט מיט שיינע רויזן
ביז אַצינד זיין וועג פֿאַרשפּרייט.

דאָרטן ליגט זיין ליבע טאָכטער,
איינער פֿון די טייערסטע שטיינער
פֿון זיין פֿאָטערליכער קרוין...
פֿאַר איר צניעות, פֿאַר איר ריינקייט,
פֿאַר איר גוטקייט, פֿאַר איר פֿריינדשאַפֿט
האָט איר גאָט געשענקט אַ לוין...

אַן געוויין און אָן געיאָמער
האָט ער זיינע טייערע מתים
אין דעם גריב אַריינגעלייגט;
מיט דעם מאַרך פֿון זיינע ביינער,
מיט דעם בלוט פֿון זיין נשמה
האָט ער זיי שוין אויסגעוויקט...

קאָן דען אַ געשריי דערציילן
וואָס עס טוט זיך אין דער זעלע

און דערלייכטערן דעם מוט?
קענען זיפֿצן דעם פֿאַרלעשן
און די אַדערן דאָס קאָכן
און דאָס ברויזן פֿון דעם בלוט?

ווען ער קאָן מיט זיינע קולות
אומשטורצן דעם פֿרעכן הימל
און צופֿליקן זיין בלוי קלייד,
און די זון — אין קליינע שפּענדעלעך
מיט זיין שוואַכער האַנט צוקלאַפּן
און צודרויבלען מיט זיין טרייט;

ווען זיין הויך זאָל, ווי אַ פֿייער,
אַלע פֿעלדער, אַלע וועלדער
קאָנען אומוואַנדלען אין אַש,
אַלץ פֿאַרברענען און פֿאַרניכטן
און מיט זיינע פֿיס צוטרעטן
יעדן שפּור פֿון גליקס־מיראַזש: —

אַך, מיט וועלכע גרויסע פֿריידן
וואָלט ער גאָר די וועלט פֿאַרוויסטעט —
חורבות, חורבות נאָר געמאַכט!!!
הערשן זאָל אַ ווילדער כאַאָס,
ווי ביי אים אין דער נשמה
און אַן אייביק־לאַנגע נאַכט!...

62

מענשן שטאַרבן ניט פֿון צרות,
מענשן שטאַרבן ניט פֿון צער,
מענשן לעבן ניט פֿון גליק:
לעבנס־גליסטיק איז דער קערפּער,
קעמפּט און שטייט דעם טויט אַקייגן
ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג.

לעבן איז ביי זיי דער תּכלית!
לעבן ערגער פֿון אַ וואָרים,
טראָגן צרות, אַנגסט און שפּאָט,
לעבן ווי אַ מאוסער חזיר —
נאָר צו לעבן זוכט דער חומר,
ווייל דער קערפּער איז דער גאָט.

אַן אַ טרייסט און אָן אַ גואל,
אויסגעשמירטע און צודריקטע,
אָן אַ מאָרגן און אָן אַ היינט,
מיט צוטרויטענע נשמות,
מיט אַראָפּגעלאָזטן מוט,
אָן אַ שיצער, אָן אַ פֿריינד —

לעבן מענשן, האַנדלען — וואַנדלען,
פֿירן־אָן אַ משׂא־ומתּן,

מאַכן געלט און עסן ברויט
פון דיזעלבע הענט, וואס נעכטן
האבן קינדערס קעפּ געשניטן,
אויסגעשמירט די טעכטערס לייבער
און געשטורצט זיי אין דער נויט...

זייט מיר מוחל, מיינע ברידער,
(יעדעם פאלק האט בייזע מענשן)
כ׳מוז דעם אמת זאגן פריי:
אין די בלוטיק־רויטע טייכן
פריוון אידן פיש צו כאַפּן
און פאַרדינען געלט דערביי...

פאַר דעם געלט געקויפט עליות,
ביי דעם ארון — „שטעט״ אין מזרח
און זיווגים פאַר זייר קינד...
אַך, איך ברען פון צער און בושה
און אַן עקל צו אייר צורה
כאַפּט מיך אן נאך ביז אַצינד!...

□ □
□

63

משה לעבט . . . דארט אין אַ ווינקל
פון זיין אויסגעטרעטן גארטן
וואַקסן דאך נאך בלומען דריי:
כאָטשע פון דעם שטורעם צובראכן
פון די בליצן אפגעברענטע,
דאך — דאַרף ער זיי דינען טריי.

ער ווייסט, אַז אויף אייביק
צוקרומט און סקאַליטשעט
וועט בלייבן די בלום און דאס בלאַט:
די זון מעג נאך שיינען,
דער טוי זיי נאך וואַשן —
פאַרשוואונדן איז זייר אַראמאַט! . . .

עס מעגן דארט זינגען
די הילביקסטע פייגל
פון ליבע, פון האפנונג און טרייסט —
צובראכן וועט בלייבן
און קרענקען דער פויגל
וואס יונג איז אַרויס פון דער נעסט . . .

ער ווייסט, אַז קיין שמייכל
וועט קיינמאל נישט שיינען,

באַלייכטן זייר לויטער געזיכט,
אַז גיפֿט ווערט אין האַרצן
דאָרט ברענען און פֿלאַמען —
פֿאַרגיפֿטן אַ שיכט נאָך אַ שיכט...

ער ווייסט, אַז דאָס לעבן
וועט מער שוין נישט ברענגען
פֿאַר קיינעם קיין רוה און קיין גליק:
וואָס שלאַנגען צעבייסן —
מוז דאַרן און וויאַנען
און פֿוילן אַ שטיק נאָך אַ שטיק...

אַליין פֿול מיט וואונדן,
פֿול טרויער און ווייטיק,
פֿול ליידן און צרות און פּיין —
מוז ער זיינע קינדער
נאָך טרייסטן און שטאַרקן,
זייער שפּייזער און „שיצער" נאָך זיין...

□ □
□

64

און דאס לעבן, אן רחמנות,
ווי אַ קאַלטער, שטרענגער דעספּאָט,
האט געפאדערט זיינס צוריק:
ניט געשענקט זיי קיין מינוטן
אפצוגעבן זיך דעם טרויער
און דעם חורבן כאטש אַ בליק.

ווידער וואכעדיקע ווערטער,
ווידער מוז דער קאפ זיך בויגן
צו דעם אַלטעגליכן יאך,
כאטש דער קערפער דורשט נאך אפרוה
כאטש די וואונדן פון דער זעלע
ווייטיקן און בלוטן נאך...

ווען אין הארצן רוישן פראַגעס:
נאך וואס שלעפן נאך דאס לעבן?
וואס דער תכלית? וועלכע נוץ?
ווען אַ בלייען־שווערע משא
דריקט און פרעסט אין דער נשמה
פון דעם לעבענס קויט און שמוץ.

ווי אומווירדיק, שפל, קליינליך,
ווי פאַראַכטעט, מאוס און פיינליך

קלינגט דער טאָרג אַצינד אין שטוב!...
וואָס איז נאָך צו צײלן, וועגן,
וואו דאָס אָרט פֿאַר גליק און זעגן,
ווען דאָס טײַערסטע פֿוילט אין גרוב?...

אַך, באַהאַלטן זיך, פֿאַרשטעקן!
זיך אין פֿינסטערקייט פֿאַרדעקן —
גֶעלם ווערן אויף אַ צייט!...
אין אַ כמאַרע זיך פֿאַרהילן —
ניט צו הערן, ניט צו פֿיהלן
ווי דאָס לעבן רוישט און שרייט!...

אט דער קלאָון מיט די גלעקלעך,
אט דער בעטלער מיט די זעקלעך
אויף דער פּורימדיקער שפּיל,
וואָס מאַכט פּאַקוסן, הוויות
פֿאַר אַ שמאַטקאַלע אַ נייעס,
פֿאַר אַן אויפֿגערייצט געפֿיהל...

כאָטש אַ רגע ניט אָנקוקן
די גרימאַסן, וואָס עס מאַכט
פֿאַר אַ צאַצקע, פֿאַר אַ גלעקל,
פֿאַר אַ בונט־געפֿאַרבטן טעקל,
פֿאַר אַ זינדיג־שיכּור נאַכט...

ס'וויל ניט בלייבּן שטיל אַ רגע,
שווּנט קיין עלטער, קיין מדרגה
אַט די רויע שאַרפע ביטש:
זאָל דיין בּלוּט ווי קוואַלן רינען,
זאָל זיך וואַקלען דאָרט דיין זינען,
שטעלסט דיך — כאַפּסטו באַלד אַ פּאַטש

ווּעמען אַרן דיינע טרערן,
ווער וויל דיינע קרעכצן הערן,
ווער — פון דיינע וואונדן קלערן —
ביי דיין קרעמל שטיי — פאַרקויף!...
פאַלן טרערן אויף די שאַלן,
שטעכן ווערטער דיך, ווי אהלן, —
פאַר די ליידן מוזטו צאָלן:
שטיי ביים קרעמל ביז צום סוף!...

זעה דיין מערדער צו פאַרזאָרגן
מיט דער בּעסטער שפּייז פאַר מאָרגן,
און פון טרערן ווער דערוואָרגן —
ווּעמען אַרן דיינע לייד!...
צאָלן זאָלסטו פאַר דער שחיטה
מיט דיין לעצטער־לעצטער פּרוטה
און די שוחטים די געניטע
שענק אַוועק דאָס לעצטע קלייד...

אַפֿן מוזן זיין די טירן,
זייערע אויגן זאָלן שפּירן
יעדן שריט און יעדן ריר...
יעדער וואָרט זיינס איז אַ תורה,
וואָס נאָר די פֿאַרמאָגסט — אַ סחורה —
גרים די „קונים" ביי זייער טיר...

שטיי ביים קרעמל, משה שלייען!
מעג עס קאַרטשען דיך און דרייען,
ברענען ווי אין פֿלאַם דיין לייב,
מעגן אויסגיין דאָרט די קינדער,
דריקן דיך אַ שרעק אַ בלינדער,
באָדן זיך אין בלוט דיין ווייב!...

און מ'איז טרוד, און מ'איז טעטיק,
באַטש אין האַרצן ברענט אַ ווייטיק,
אָנגעפֿולט מיט בליי די הענט...
מעסטן, שניידן, ציילן, וועגן,
ווען די שמערצן דריקן, בייגן
און אין מוח אַ פֿייער ברענט!...

שלינג די בושה! טראָג די שאַנדע!
זעה פֿאַר זיך די מאוסע באַנדע

און באַגראָב אין זיך דיין פלוך!...
„פאַני קאזאַק" טיטולירן
דעם, ווער דיינע קינדערס ג'הירן
האט געטראטן מיט דעם שוך!

גיב אַוועק דיין ווייך געלעגער,
זיי אַ דינער און אַ טרעגער
ביי דעם מערדער פון דיין קינד...
ניין, פאַר אַזאַ שרעקליך לעבן
אַזאַ הויכן פרייז צו געבן —
איז אַ שטראף פאַר שווערער זינד...

□ □
□

65

וועגן אַ ווילדער בייזער טיגער
האָט פאַרזוכט איינמאָל אין לעבן
מענטשן־פלייש און מענטשן־בלוט,
וועט ער שוין דאָס זיסע מאכל
אויף אַ צווייטן ניט פאַרבייטן,
ווייל עס שמעקט אים זיס און גוט...

פאַר די צוויי־פיסיקע טיגערס
האָט דעם אידנס בלוט אין אייגענס
ווי אַמבראָזיע געשמעקט:
פון דעם אידנס שיינע טעכטער,
מיט זייער צניעות, מיט זייער שוואַכקייט,
אַלע פינגער אָפגעלעקט...

און ווי לייכט עס איז צו רויבן
זיי געוועזן די שיינע טויבן
פון אַיעדן אידיש הויז!...
פאַר אַ פאָטער אין די אויגן
האָט מען צו דער שאַנד געצויגן
און פאַראומווערדיקט די רויז!...

אָן שום בושה, אָן אַ ציטער
פון די אָרעמס ביי דער מוטער

קלויבט מען אויס דאס שענסטע קינד...
און די שאַנד צו מאַכן גרעסער,
פּירט מען ביי דער שאַרף פֿון מעסער
אויך די מוטער צו דער זינד...

לייכט און ביליג... שעפּלאַך שוואַכע...
אן אַ ווידערשטאַנד, אן ראַכע —
טו וואס נאר דעם האַרץ זיך גליסט!...
און דיין קלענסטן ווינש צו שטילן —
טרעט די הייליקסטע געפילן
מיט די שטיוול אין דעם מיסט.

ביליגער פֿון שטויב דאס לעבן,
ביליגער פֿון מיסט די עהרע.
אַ געלעכטער — זיין פּראטעסט...
מוטנע וואַסער — אַלע טרערן,
קיינער וויל זיין קרעכץ ניט הערן, —
און די שאַנד און ווייטיק פּרעסט!...

66

און דער טיגער האט געטרונקען
אידיש בלוט אָן שרעק, אָן מורא
און פֿאַרביסן מיט זיין לייב.
מאַכט פֿאַר קנעכט די שוואַכע מענער,
און פֿאַרשמוצט די ריינע לייבער
פֿון זיין טאכטער און זיין ווייב . . .

און ניט איינמאל האבן קולות
וויט זיך אין דער לופֿט געטראגן,
אַז געציטערט האט די ערד, —
אבער קיינער איז געקומען
די געפּייניקטע צו העלפֿן
און די רוצחים ניט געשטערט.

אַלע הענד אין רויב געזונקען,
אַלע ליפּן בלוט געטרונקען —
צי די פֿירער, צי די קנעכט.
איין קאליר אין אַלע ראַנגען,
איינע לידער און געזאַנגען,
אַלע — גיפֿטיק ווי די שלאַנגען!
אַלע — ווי די טיגערס שלעכט . . .

מיט א קייט פון בלוט און פייער,
ווי פארשלאסן אין א שייער,
איז דאס גאנצע לאנד געווען:
אלע וועגן — אפגעשלאסן,
פייכט מיט אידיש בלוט באגאסן —
ניט צו פארן, ניט צו געהן...

פעלדער גרינע, רייכע, פעטע
פול מיט תבואות אויסגעבעטע
שפרייטן זיך — א ברייטער ים;
שאטנדיקע סעדער שיינע
שפיגלען זיך אין ריקעס ריינע
פול מיט פרוכטן ביז צום שטאם.

נאר פארצוימט אהין די וועגן...
פאר געניסן פון דעם זעגן
שטייט דער טויט פאר דיר אקייגן —
פון איעדער האנד און הויז...
ערשט געוועזן גוטע שכנים:
זיך געפרייט, געקושט אינאייגעם
אין דעם פרייהייט־יום־טוב שיינעם,
און אצינד...—די „פריינטשאפט" אוים!...

□ □
□

67

אין די רייכסטע שענסטע הייזער,
אויסגעזעצט אויף ווייכע שטוהלן,
זיצן היידאַמאַקעם דאָרט,
עסן רייכע, זאַטע שפּייזן,
טרינקען פונקעלדיקע וויינען
פון דעם טייערסטן, בעסטן סאָרט.

פון אוקראַינעם רייכע סעדער
אַלע שמעקענדיקע פרוכטן
צירן זיירע טישן רייך,
און וואס זייער צורייצטע תאוה
ווינשט נאָר — מוזן אידן
שאַפן באַלד און ברענגען גלייך...

און אַליין פאַרשמאַכט פון הונגער,
אויסגעדאַרט און איינגעשרומפּן,
ווי די שאַטנס, ביי דער זייט,
הערן, ווי די קליינע קינדער,
בעטן ביי די בלייכע מיטער,
ברויט אַ שטיקל אין דער צייט...

און פון איין זייט האָט געקלונגען
אַן אַכאָרד פון פרעכע לידער

פון פעטליורעס זאַטן „חיל״,
פון דער צווייטער — שטילע זיפצן
זיך געטראגן און געשטאכן
ווי אַ קאַלטע שאַרפע פייל...

העי דארט, מיטער, קינדער, פעטער,
לייגט אייר מאלצייט אפ אויף שפעטער —
לעבן זאל דער היידאַמאַק!...
שיין און רייך איז אוקראַינע,
פעט און זאַט איז די מדינה
און איר הערשער — דער קאזאַק!...

ער קאן שענקען אייך דאס לעבן,
ער וועט אייך די פרייהייט געבן,
זעט איר אויף זיין קאפ ניט שוועבן
ברכות פון דער גאַנצער וועלט?...
„העלדן״ זיינע לאפעם דריקן,
מלוכהם — זיירע גרוסן שיקן,
זיך מיט זיינע „טאַטן״ קוויקן
און באַשיטן אים מיט געלט?...

□ □
□

68

נעמט נאָר גיכער די לאָרנעטן
אײַערע אויגן אָנצוזעטן,
איר „אַריסטאָקראַטקעס" דאָרט!
אײַערע „קינדער" פֿון אוקראַאינע
געבן דאָ „ספּעקטאַקלען" פֿײַנע
פֿון דעם בעסטן סאָרט!

פֿון איין שטעטל אין אַ צווייטן
וועט מען אײַך דעם וועג פֿאַרשפּרייטן
מיט די טײַערסטע רויטע קווייטן
פֿון דעם ריינסטן בלוט.
און אײַך ווײַזן טײַערע בילדער
איינע פֿון דער צווייטער מילדער,
פֿאַרבענרייך און גוט.

□ □
□

69

דארט האט מען פֿון שטיינער
געמאַכט אַ „מזבח“,
פֿון אונטן אַ פֿייער צעפֿיהרט.
פֿון אויבן ליגט איינער...
אַ בלוטיקער רֵח —
דאס לייב האבן פֿלאַמען געריהרט...

ער כאַפּט מיט די פֿינגער
די ברענענדע קוילן...
פֿאַרדעקט זיך דאס לייב מיט די הענט...
די ברענענדע צונגער
זיין קערפּער דעם הוילן
זיי לעקן... עס שופּעט, עס ברענט...

העל פֿלאַקערט דאס פֿייער...
צום הימל זיך טראגן
„אַקארדן“ פֿון טיפֿסטער מוזיק...
אַרום די „באַפֿרייער“
אין רעדל זיך יאגן
ענטציקט פֿון דעם וואונדערליך „שטיק“...

□ □
□

70

די מוטער — דערוואָרגן
דער פֿאָטער — דערטרונקען,
צוויי קינדער יתומים געבליבן...
פֿאַרזונקען אין זאָרגן,
אין וויינען און בענקען
זיך ווייט אין אַווינקל פֿאַרקליבן.

באַוועגט פֿון „רחמנות",
זיי ווילן די קינדער
אַביסאַלע „פֿרייליכער" מאַכן,
די יונגע קרבנות
איעדער באַזונדער
זאָל זינגען אַביסל און לאַכן...

די פֿינגערלעך צאַרטע
צווישן צוויי טירן
פֿאַרקלעמט מען און פּרעסט זיי צוזאַמען,
די ברעטער די האַרטע
די ביינדאַלאַך רירן —
זיי „זינגען"... פֿאַרגעסן די מאַמען!...

□ □
□

71

שוין גרויע פֿון יאָרן,
פֿון נויט און פֿון הונגער,
זי — קראַנק און איר אַלטער — אַבלינדער,
אין דאָרף פֿון געבאָרן
געלעבט האָט אַ פּאָרל
אָן קרובים, אָן פֿרייַנד און אָן קינדער.

דער סכום פֿון זייַער לעבן —
אַ פֿינסטערער קבר,
אַ נעסט פֿון יסורים און קוואַלן,
זיי ווינשן און שטרעבן
מיט יעדערן אבר
אויף קיינעם צולאַסט נישט צו פֿאַלן.

אָט שטייט ביי די טירן
דער „שטאָלץ" פֿון פּעטליורע,
וואָס הערשט נאָר דורך איירע חסדים.
דער עלטסטער הייסט פֿירן
דאָס פּאָר פֿון קאַנורע
און לאָזן דאָס לייב אָן אַ פּאָדים.

מיט שטעקנס, מיט צווייגן
די אַלטע צוויי טרייבן

אַז איינע זאל מ׳צווייטן דעריאָגן...
צוזאַמען געטוליעט
די אַלטיטשקע בלייבן...
די שטעקנס—זיי שווישטשען און שלאָגן...

און ס׳פֿאַלן צוויי קערפּער,
ווי רויטע בוקעטן,
אַראָפּ צו די פּיס פֿון די „זיגער״...
עס יובלען די „העלדן״
און לאַכן און שפּעטן
און וואָיען און רעווען, ווי טיגער...

□ □
□

72

געטריבן פֿון הונגער,
פֿון שרעק און פֿון מורא
פֿיר אינגלעך זיך לויפֿן באַהאַלטן:
שוין טויזענט מאל גרינגער
צו וואוינען מיט חיות
אין פֿינסטערן וואַלד דארט אין קאַלטן...

די חיות, — זיי רייסן,
דאס בלוט אונזערס זויפֿן,
ווען ס'טרייבט זיי דערצו נאר דער הונגער;
אַ זאַטע — וועט זעלטן
די וועגן פֿאַרלויפֿן,
ניט רירן קיין שאף מיט קיין פֿינגער.

נאר מענשן... נאר „העלדן"...
מיט ביקסן און שווערדן...
ווען שוואַך איז און שוצלאז דער „שונא"?...
אַך זעלטן, אָ זעלטן
וועט גאַנצעם געזינדל
גאר האבן געפֿילן אַזוינע!...

צובלוטיקט, צושלאָגן,
אין שאָטן פֿון שפּיזן,
אַ גרוב אַליין הייסט מען זיי מאַכן,
און פֿולע מיט לעבן,
מיט יוגענט, מיט ווינטשן —
די קינדער פֿאַרשיט מען מיט לאַכן...

□ □
□

73

נישטא אין די דערפער
קיין אידישער זכר —
דער וואלף האט געצייגט זיינע ציינער:
דער פויער דער שטילער,
דער פרומער, דער ווייכער
געמאכט האט פון זיי אש און שפענער...

נאר דארט אין א שטיבל,
געשמידט צום געלעגער,
איז איין קראנקער איד נאך פארבליבן,
מיט אים זיין בן יחיד.
ער טרייסט אים און שיצט אים,
פון ליבע און טריישאפט געטריבן.

ער וויל ניט פארלאזן
דעם עלענדן פאטער —
אליין אין די לעצטע מינוטן,
ווען איבער זיין בעטל
פארשפרייטן די פליגל
פון טויט שוין זייער אייביקן שאטן.

א בוים האט געוואקסן
ביים ארעמען שטיבל,

געבליט און גערוישט דאָרט פֿון יאָרן,
איז איינער פֿון זיינע
די מעכטיקסטע צווייגן
אין תּליה פֿאַרוואַנדלט געוואָרן.

זיי געבן די ברירה:
(דער זוהן צי דער פֿאָטער)
אַז איינער זאָל הענגען דעם צווייטן...
„העי, ווער עס וויל לעבן —
„פֿאַרצי נאָר דאָס שטריקל,
„אַז ניט — וועט מען ביידע אייך טויטן!..."

צו דר׳ערד אויף די קניעס
פֿאַלט בעטענד דער אַלטער,
דער זוהן זאָל דאָס לעבן זיינס רעטן:
„פֿאַר מיר איז קיין האָפֿנונג...
„נאָך וואָס זאָל דיין יוגענט
אין פֿינסטערן גרוב מיך באַלייטן?..."

— אַך, זינדיג ניט, פֿאָטער!
מיין האַנט זאָל איך לייגן
אויף דעם וואָס מיר הייליק און טייער?...
צוויי לעבענס וואָלט גערן

גענעבן מיט זעגן,
נאר דו זאלסט פֿאַרבלייבן אַ פֿרייער...

עס קלאפּט די נאַהייקע...
די מעסערס — זיי שטעכן...
דאס בלוט רינט פֿוןביידע אין טייכן...
די „שפּיל" איז געענדיגט...
שוין טויט ליגן ביידע...
די „העלדן" זיך וויצלען און לאַכן...

□ □
□

74

דארט שניידן די שווערדן
דעם פאטער, די מוטער,
די שוועסטער, די ברידער, דעם זיידן...
איין קינד האט געלונגען
פון דארט צו אנטלויפן —
זיך רעטן פון פיין און פון ליידן.

שנעל לויפן די פיסלאך
מיט שרעק און מיט ציטער
צום פעלד זיך אין זאנגען פארשטעקן...
שנעל יאגט אים א רייטער,
ער שפארנט דאס פערד זיינס,
דאס קינד מיט די קאפיטעס עקן...

טיף שניידט די נאהייקע...
די שפארן עס שטעכן...
די צוים שניידט ביז בלוט זיינע ליפן...
עס רייסט זיך דאס פערדל
אין אלע פיר עקן —
ער קאן אויף דעם קינד עס ניט שטיפן!...

עס בלוטיקט דאס פֿערדל...
אין פֿינע דער רייטער...
דאס פֿערד וויל דאס קינד ניט צעטרעטן!
דאס קינד איז געלאָפֿן
אַלץ ווייטער און ווייטער —
פֿאַרשטעקט זיך אין קארן אין ברייטן...

75

ווי געפֿעלט אייך, איידלע דאַמעס,
אוקראַינער צאַרטע מאַמעס,
דער „קאַליידאסקאָפּ“?
איך בין ענו׳דיק, באַשיידן,
ווייל אין גרויסן ים פֿון ליידן
איז דאס נאר אַ טראָפּ...

איר האט ניט אומזיסט געאַקערט,
ניט אומזיסט אייר געלד פֿאַרשפּרייט:
אויף דעם באדן פֿון אוקראַינע
וואַקסן „פֿרוכטן“ זיסע, פֿיינע...
זייטזשע שטאָלץ און פֿול מיט פֿרייד!...

□ □
□

76

געהט איין כוואַליע — קומט אַ צווייטע,
ברענגען אַפּעטיטן ברייטע
און דאסזעלבע ווילדקייט מיט.
כוואַליעס וויפיל זאַמד און שטערן!
און באַצאלט מיט בלוט און טרערן
האט דער איד פאַר זייר וויזיט.

כוואַליעס ווייסע, געלע, רויטע,
כוואַליעס זידענדיקע, טויטע —
אַלע שלאגן צו איין ברעג...
אַלע מיליוועןן און וואַשן,
אַלע פון זיין קערפּער נאַשן,
יעדע לאזט אַ נאַסן פלעק...

איינער קרויגט דיך פאַר אַ בירגער
און הייסט זיך פאַר דעם באַלוינען
מיט דיין בלוט און מיט דיין האב.
און דער צווייטער רופט אייך פרעמדע
און פאַר וואוינרעכט זאלסטו צאלן
מיט דערזעלבער שווערער גאב...

און אַ דריטער רופט אייך שונאים,
פאלקסבאַטריגער און פאַרעטער

און אַנטבלויזט אויף אייך די שווערט...
פֿאַר די לינקע זענט איר רעכטע,
פֿאַר די רעכטע — פֿאַלשע, שלעכטע:
וואָס איר טוט איז פּונקט פֿאַרקערט!...

ווער עס קומט, איז אַ באַזיגער...
ווי אַ הונגעריקער טיגער
שאַרפֿט ער באַלד אויף אייך די ציין...
לייב און לעבן וויל ער שלינגען,
ווען עס קאָן אים נאָר געלונגען —
מאַכט ער אַלע הייזער ריין...

פֿאַר די מידע — ווייכע בעטן,
הונגעריקע — זעה צו זעטן,
פֿאַר די קראַנקע — אַ שפּיטאָל.
זינג די אומעטיקע — לידער,
צו דערפֿרייען זײַערע גלידער,
און פֿאַר אַלע ווייטע ברידער
לייג אויך עפּעס אויף דער שאָל...

□ □
□

77

אוןביים געהן!... די ריקצוגסרייען!..
ווען ער מוז די שטאט באַפרייען —
ווען דער געהט און יענער קומט!...
אין די שוואַרצע "בין־השמשות"
ווער עס ווערט זיך נאר דערמאנען
ווערט נאך איצט ווי שטיין פאַרשטומט...

"מעג נאך אונז אַ מבול קומען",
טראַכט זיך יעדער ביים אַוועקגיין,
ווען דער שונא גיט אַ דריק,
און עס בלייבט נאך אים אַ מבול...
חורבות שוואַרצע און רואינעס,
אַז עס טרויערט נאר דער בליק...

"ביז דאס שטעטל איז נאך אונזערס,
איז אין שטעטל אַלדינג — אייערס!"
שרייט צום חיל אַ "גענעראַל" — Ген. Яковлев в Деражие
און די טרייע דינער זיינע
מאַכן זיך אַ נאַכט אַ פיינע —
נאר אַ צויבער־קאַרנעוואַל!...

□ □
□

78

פון דעם ווייכן טײַרן מעבל
ווערט געמאַכט אַ העלער שײַטער —
ביז צום הימל גרייכט זײַן גלאַנץ,
און אַרום — די ווילדע מחנה,
ווי לוציפערס שוואַרצע דינער,
דרייען זיך אין ווילדן טאַנץ...

וויין און לידער און „בוקעטן"
פון די שענסטע יונגע „רויזן"
צירן רײַך דעם ווילדן פעסט:
אַלע זײַנע בעסטע אוצרות
האָט דאָס שטעטל הײַנט געגעבן
פאַר די „הויכגעשעצטע" געסט...

און אויף מאָרגן האָט אַ צווייטער,
מיט אַ פאָן פון בלוט און אײַטער
שוין געהערשט דאָרט און געשאַפט,
פון די טרויעריקע שיריים
זיך געמאַכט אַ פעסט אַ נײַעם
און געצייגט זײַן „מאַכט" און „קראַפט"...

יעדן מארגן נייע הערשער
מיט מנהגים און געזעצן,
מיט אַ הייליק נייער פֿאָן.
טאַנצט מען, וויינט מען,
קומט מען, גייט מען —
אידן מוזן זיין אין קאן!...

□ □
□

79

משה געהט אין שפּאַן מיט אַלע,
שפּילט מיט צער די שווערע ראָלע,
וואָס דער שיקזאַל האָט געבראַכט,
כאָטש ניט איינמאָל האָט דער צאָרן
יאוש אין זיין האַרץ געבאָרן —
פאַר אַ קרבן שיער געמאַכט.

ווען ער האָט מיט זיינע אויגן
זיינע ברידער, טיף געבויגן
און ערנידעריקט געזען,
ווי די גראָבע מענטשן־טירן
צו דער תּליה אידן פירן
און זיי, ווי די שעפּלאַך, געהן —

האָט געפלאַמט אַ העליש פייער
אין זיין אידישער נשמה
און צו ביידע צדדים גלייך:
צו די אידן, וואָס פאַרקויפן
אַזוי ביליג ס'לייב און לעבן
און ניט שטעהען אויף דער וואַך.

פאַר זייער קינדערס גליק און עהרע,
פאַר זייער מענטשן־שטאַלץ און ־רעכט,

פֿאַר זייער הייליקטום און גלויבן —
לאָזן שחטן זיך, ווי טויבן —
ערגער ווי די ערגסטע קנעכט!...

איינער אויף אַ מחנה רויבער,
ווי אַמאָל אַן אַלטער גלויבער,
וויל ער געהן אויף קדוש־שם —
מיט דעם בלוט פֿון די באַנדיטן
אפּוואַשן די שאַנד און ליידן
פֿון זיין פֿאָטער, קינד און זיידן
און דערנאָך מיט רוה און פֿריידן
געבן זיי זיין פֿינסטער לעבן — נעם!...

אבער ווען ער זעהט די בליקן
פֿון די קינדער אויף אים קוקן
מיט געוויין און מיט געבעט —
ווערט זיין גאַנצער מוט פֿאַרלוירן,
און אַ מיטלייד ווערט געבוירן
צו זייער טיפֿער שווערער לייד.

□ □
□

80

ביז זיין לעבן קאָן נאָך געבן
איינעם כאָטש אַ טראָפּן טרייסט,
כל־זמן אונטער זיינע ביינער
קאָן נאָך רוּהיק שלאָפֿן איינער —
דאַרף ער האַלטן גאַנץ זיין נעסט.

כאָטש אַן מאַכט איז שוין זיין אָרעם,
אויסגעקרומט זיין פֿעסטער רוקן,
אויסגעלאָשן זיינע בליקן
און זיין שטימע — שוואַך און שטיל;
כאָטש די קלעפּ די שווערע, האַרטע
מאַכן טויט זיין זעל זיין צאַרטע,
קאָן ער איינעם מיט זיין לעבן
דאָך אַ טרייסט און שיצונג געבן.

טראָץ דעם, וויפֿיל וואָלטן צאָלן
מיט זייער לעבן פֿאַר זיין טאַט?...
טויזנט ברענגען אין סכנות,
טויזנט מאַכן פֿאַר קרבנות
פֿאַר דעם טויט נאָר פֿון איין קאַט?

ווער האָט אים דאָס רעכט געגעבן
איינצושטעלן יענעמס לעבן?

מאַכן נאָך דעם שד געררעכט!...
מענשען אַלעם, אַלעם ליידן,
אום דעם טויט נאָר אויסצומיידן,
מעג דאָס לעבן זיין ווי שלעכט...

פֿרעמדע לעבנס זענען טייער,
פֿרעמדע לעבנס זענען הייליק...
נו, און זיינע פֿרוי און קינד?...
איז זייר שווידערליכע ענדע
דען געווען אַ בייזער ענטפֿער
פֿאַר אַ פֿרעמדנס טאַט און זינד?...

קומען דען ניט יעדן אבענד
ווען אַרום איז שטיל און פֿינסטער
און ער זוכט אַביסל רוה,
אלע קינדער פֿון די קברים
מיט וויט אויסגעשטרעקטע ארעם
צו זיין האַרט געלעגער צו?

□ □
□

81

ס׳רופן אים די ליבע זיהנען,
בעטן זיך ארוים פון קבר,
וואו ס׳איז ענג און נאס און קאלט,
וויינען ביטער, גיסן טרערן,
און ניט איינע, היים ווי פייער,
אויף זיין קאלטן שטערן פאלט...

מיט א פלאמענדיקן פנים,
מיט צוהאקטע הענט אן פינגער,
מיט צולאזטע לאנגע האר
קומט זיין ליבע פרוי צו לויפן,
רייסט פון זיך די שווארצע קליידער,
ווייזט אים אירע טיפע וואונדן,
רופט און יאמערט לויט און קלאר!

„משה! משה! כ׳וויל ניט שטארבן!
„כ׳וויל נאך זעהן אין מיינע קינדער
„באטש אביסל זיסע טרייסט!...
„נעם ארוים מיך פון דעם ענגשאפט!...
„איך בין גאר ניט, גאר ניט שולדיק —
„איך האב ניט פארפלעקט דיין נעסט!..."

„נעם אַרוים די שוואַרצע סמאלע,
„וועלכע ברענט מיין לייב, ווי פייער —
„וואַש אַראָפּ דעם שוואַרצן פלעק!
„גיב מיר אָפּ די זיבן פייגל,
„וואס כ׳האב אויף מיין ברוסט געוואַרעמט!...
„זאג, וואו זענען זיי אַוועק?..."

„ס׳זינגען פייגל אויף מיין קבר,
„ס׳טאַנצן שוואַרצע כאראַוואָדן,
„אבער פרעמדע — אַלע פרעמד!...
„כ׳הער אפּט זיסע — זיסע לידער,
„וואס דערמאנען מיינע קינדער,
„און עס נאגט מיין האַרץ און קלעמט..."

□ □
□

82

און דערנעבן שטייט זיין טאַטעטער,
שאָקלט ריטמיש מיט איר קערפּער —
דיריגירט דעם טויטן־טאַנץ:
„הוליעט, ברידער, אויף מיין האָכציַיט!...
„פיהר מיך, מוטער, צו דער חופּה!...
„פלעכט פון טרערן מיר אַ קראַנץ!..."

„שפּרייט מיר אויס אַ ווייך געלעגער,
„שפּרייט עס אויס מיט טייַרע בלומען —
„זעה מיין חתן וואַרט אויף מיר!...
„ר'קוקט אויף מיר מיט טויזנט אויגן...
„פון זיין שמייכל טאַנצן שדים...
„שוואַרץ־און־רויט איז זיין קאָליר!..."

און זיי פלעכטן זיך צוזאַמען
אין אַ ראָד אַרום דער מאַמען
שנעלער, גיכער ווי דער ווינט...
משה קוקט מיט שטאַרע אויגן
ווי זיי פליען פייל פון בויגן
ביז די אויגן ווערן בלינד...

צו די יענזייטיקע שטימען,
הערן זיך פֿון דרויסן ברומען
קולות לעבעדיקע פֿיל:
פֿון געפּלאנטע, פֿון ראַבירטע,
פֿון געשענדטע, רואינירטע,
דאס אַלטעגליכע געבריל...

□ □
□

83

וויטער, וויטער פֿון דעם גיהנם!
רעטן זיינע לעצטע צווייגן
פֿון דעם פֿינסטערן תהום!
לופֿט אַביסל פֿאַר די לונגען!
רוה אַביסל פֿאַר די זעלן!
ריינעם טוי דעם יונגען בוים!

ווי אַן אדלער וועט ער טראָגן
אויף דעם רוקן זיינע קינדער
צו אַ נייער ריינער זון.
מיט דעם מאַרך פֿון זיין נשמה
וועט ער אויף דעם וועג זיי שפּייזן
ביז אַ ליכטיגן באַגין.

ביז ער וועט אַ לאַנד געפֿינען,
וואו די זונענשטראַלן שיינען,
לייכטן, אבער ברענען ניט,
וואו די הימלישע בת־מלכּה
דאַרף איר פּנים ניט פֿאַרדעקן
און ניט שפּיגלען זיך אין בלוט.

מעג ער וואַנדערן וואכן, יאָרן, —
וועט ער ניט קיין כּחות שפּאָרן,

ביז עס טראגן אים די פֿיס!
ביז ער וועט אַ ווינקל קריגן,
וואו פֿון קיינעם ניט באַשפּיגן,
וועט די נויט זיין — צוקער־זיס.

עמיגרירן! לויפֿן! פֿליען!
וואו ס'זאל זיין נשמה רוען —
איז זיין איינציקער געדאַנק,
וואו געזעצן עקזיסטירן,
וואו עס הערשן ניט קיין טירן —
מעג ער זוכן יאָרן־לאַנג!

□ □
□

84

אויף אַ הויכן גרויען באַרג,
ביי אַ לאַנגן ברייטן וועג
שטייט אַן אַלטער, אַלטער בוים,
זאַט מיט יאָרן, רייך מיט טעג.

פיל מיט קנייטשן איז דער שטאַם,
שוואַרץ די צווייגן, ווי פאַרקוילט;
רונצלען טיפע, ווי דער ים,
און דאָס האַרץ זיינס — אויסגעהוילט.

אָבער ווען עס שיינט די זון
ווערט זיין קראַנץ בליטן־רייך,
זיינע בלעטער — סאַמעט־גרין,
מיט די שענסטע פאַלמען גלייך.

פיל האָט שוין דער בוים געזען
הייסע נעכט און שוואַרצע טעג,
טויזנט מאָל דעם גרויען קאָפּ
ביז צו ד׳ערד געטאָן אַ נייג.

— כאָטש דער ווינט אַ הויפן זאַמד
גיט אַ שמייס אין האַרץ אַריין;

קומט אַ שוואַרצע כמאַרע באַלד —
רויבט ביי אים דעם זונענשיין...

געהט נאר ווען אַ קאַראַוואַן —
אין זיין שאטן לאַגערט ער:
הענגט אויף אים זיין שווערע לאַסט,
פריווט אויף אים זיין שאַרף געווער...

זיינע בלעטער פליקט ער אפ,
מאַכט אַ ווייכעס בעט פאַר זיך;
זיינע צווייגן האַקט ער אפ
פאַר אַ פייער צו זיין קיך.

אפגעפרישט זיך, אויסגערוהט
וויטער גייט דער קאַראַוואַן,
נעמט די לעצטע צווייגלאך מיט
גלייך מיט זיך אין וועג אַריין...

זעהט זיין קאָרע — פול מיט לאך:
צוועקעס האט מען דארט געקלאפט,
מיט זייער הילף ביז אין דער הויך
מענשן זיך אַרויפגעכאַפט...

אויפגעפרעסן אַלע פרוכט,
יונגע צווייגלאך ניט געשוינט,

רואינירט דאָס שיינע נעסט,
וואָס האָט לאַנג דעם בוים געקרוינט...

זיינע זאָמען טראָגט דער ווינט
ווייט־ווייט פֿון זיין שטאַם אַוועק,
וואַרפֿט זיי אויף אַ פֿרעמדער ערד,
וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק...

נאָר די יונגע קערנדלאך
אין דער היים פֿאַרגעסן ניט,
לייכטן ווי די שטערנדלאך,
היטן פֿעסט דעם פֿאָטערס זיט.

אָט דער אַלטער גרויער בוים —
דאָס ביסטו מיין ברודער איד,
אונזער האָס און אונזער טרוים,
אונזער לאַנד און אונזער ליד...

□ □
□

85

משה איז שוין רייזע־פאַרטיק:
איינגעפּאַקט און איינגעבונדן —
נאָר זיך זעצן אויף דער פֿוהר.
מיט די קרובים און באַקאַנטע
זיך געזעגנט ווי אַ ברודער
און געוויינט ביי יעדער טיר.

און אַ טיפֿער־טיפֿער טרויער
האט פֿאַרגאָסן זיין נשמה
אין דעם לעצטן אויגנבליק,
ווען פֿאַר אים אין זיסע פֿאַרבן
האָבן בילדער זיך באַוויזן
פֿון זיין פֿריהעריקן גליק...

דאָ, אויף דיזע גרינע לאָנקעס,
האָבן זיינע ליבע קינדער
ווי די לעמאַלאַך געטאַנצט,
פֿרישע בלימאַלאַך געריסן
און מיט זיי די ליבע מוטער,
ווי אַ בת מלכּה געקראַנצט...

דאָרט, אין סאַמעט־גרינעם וועלדל,
מיט די פֿויגאַלאַך צוזאַמען

האָבן זיי געיאָגט, געדרעשט,
אויף די בוימעלאַך געקלעטערט,
זיך מיט צווייגעלאַך געשמעטערט,
פֿרישע יאַגאָדעס גענאַשט.

און פֿון דאָרט אַהיים געקומען,
אַלע איינגעהילט אין גרינעס,
ווי אַ לעבעדיקער קוסט,
נאָר די אייגלאַך פֿלאַמען־ברענען,
נאָר די קולות קלינגען־ברומען
פֿון איעדער יונגער ברוסט...

□ □
□

86

אין די קברים!... דאָרטן ליגן
די בריליאַנטן פֿון זײַן זעלע,
פֿון זײַן קאָפּ די שײנע קרוין...
פֿון זײַן האַרץ די טײַרע אוצרות,
די פֿאַרפֿומען פֿון זײַן יוגענט.
פֿאַר זײַן מיה, דער זיסטער לוין...

דאָרטן ליגן טיף באַגראָבן
זײַן פֿאַרגאַנגנהײט, זײַן צוקונפֿט,
ד׳ערשטע שײנע פֿרילינגס־בלום.
דאָס געזאַנג פֿון זײַן נשמה,
זײַנע הײליקע חלומות...
ליגן אַלע טויב און שטום!...

דאָרטן ליגט זײַן הײליק גלויבן,
זײַן נחמה און זײַן ליבע,
און זײַן כבוד און זײַן שאַנד...
זײַנע קללות און זײַן ברכה,
און זײַן בענקשאַפֿט און זײַן שנאה
צו די מענטשן, צו דעם לאַנד...

□ □
□

87

העל און לויטער האָט געפֿונקלט
איבער אים דער בלויער הימל —
אָן אַ וואָלקן, אָן אַ פֿלעק,
און אַרום פֿון אַלע זייטן
האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿון ווייטן
ווי פֿון זייד אַ גרינער דעק.

קאַלט, ווי מאַרמאָר איז געבליבן
משה צו דער פּאַנאָראַמע —
ניט געשענקט פֿאַר איר קיין בליק!
מיט דיזעלבע שיינע אויגן
האָט אים די נאַטור געווינקען
ווען געזונקען איז זיין גליק...

ווען אויף אייביק אָפּגעריסן
האָט מען פֿון זיין ליב די קינדער —
האָט דער הימל אויך געבליצט...
ווען אין טורמע ביי די פּלויטן
האָט אַ מאוסער מאָרד געטראָפֿן
האָט זי אויך געשיינט ווי איצט...

ווען זיין שטעטל איז געלעגן
אויסגעשמירט אין רויטע פֿלעקן,

אויף די גאַסן — מארד און טויט,
האט דער הימל אויך געפֿונקלט
און די זון צו אים געשמייכלט,
ווי אַן אויסגעלאַזטע מויד...

ווען אַ לאַנגע־לאַנגע מחנה
האט געטראָגן צום בית־עולם
אָרון׳ס שווארצע מיט געוויין —
האט זיך די נאַטור צופֿלאַקערט
און געשפּילט מיט טויזענט פֿאַרבן
און געוויזן גאר איר חן...

אפשר דאָרט, אין יענע לענדער,
וואו זיין גורל וועט אים ברענגען,
וועט צוריק דערוואַרעמט ווערן
זיין פֿאַרגליווערטע נשמה
און עמפּפֿינדליכער זיין האַרץ...

אפשר וועלן זיינע אויגן
אויף אַן אַנדער ערד און הימל
קענען קוקן שטיל און רוהיק
אן אַ ציטער, אן אַ שמאַרץ,

אבער פֿאַר דעם הי גן הימל
איז פֿאַרמאַכט זיין האַרץ אויף אייביק,
זיינע אויגן — קאַלט און בלינד:
פֿון זיין שיינעם גאלדנעם שמייכל
פֿון זיין מילדער צויבער־שיינקייט
ווערט נאך טיפֿער יעדע וואונד...

Printed by »Union« Printing Comp. (Appel Bros.), Vienna IX., Liechtensteinstr. 21